STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01208

YUD ZIS

Lion Feuchtwanger

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Joseph A. Snider
in honor of
Fay Snider

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליאָן פֿייכטוואַנגער

יוד־זיס

(„יוד זיס" IV טייל)

ראָמאַן

אידיש: ז. קאַלמאַנאָוויטש

„ביכער פֿאַר אַלעמען" רינגע

1929

דער אנדערער

דאָרט, וואו עס באַגעגענען זיך מזרח־לאַנד מיט מערב־לאַנד, אַ קליין פּיצל, ליגט דאָס לאַנד כנען. און דאָס לאַנד פון דרום, דאָס אוראַלטע לאַנד מצרים, שטעקט זיין צונג אַרויס, לעקט אַריין אין דער בינדונג: דאָרט, וואו עס שניידן זיך די וועגן פון מערב מיט די וועגן פון מזרח ליגט די שטאָט ירושלים, דער באַרג ציון. און אז די אידן זיינען זיך מיחד מיט גאָט פון ישראל, דעם. איינציקן, דעם אויבערשטן איבער אַל דער ווירקלעכקייט, בא זון־אויפגאַנג און באַ זון־אונטערגאַנג, דעמאָלט שטייען זיי מיט צונויפגערוקטע פיס און קוקן צו דער שטאָט ירושלים, צום באַרג ציון, די פון מערב קוקן קיין מזרח, די פון זון־אויפגאַנג קיין מערב, אַלע אין דער זעלביקער שעה, אַלע צו דער שטאָט ירושלים.

פון מערב־לאַנד שלאָגט צום לאַנד כנען א ווילדע, אייביקע כוואליע: דאָרשט נאָך לעבן, נאָך פּערזענלעכקייט, ווילן צום טאָן, צו גלוסטיקייט, צו מאכט. כאַפּן, רייסן צו זיך, וויסן, גלוסטיקייט, פארמעג, מער גלוסטיקייט, מער פארמעג, לעבן, קעמפן, טאָן. אַזוי קלינגט דאָס פון מערב אַהער. אָבער אין דרום ליגן אונטער שפּיציקע בערג אין גאָלד און געווירץ טויטע מלכים. וואָס ווילן נים לאָזן זייער גוף פאַרלענדט ווערן; אריינגעשטעלט אין מדבר, אין קאַלאָסאַלישע אלייען לאכן זיך זייערע בילדער אויס פון טויט. און א ווילדע, אייביקע כוואליע שלאָגט פון דרום־זייט צום לאַנד כנען: מדבר הייסע צוגעבונדקייט צום זיין, ברענענדיקער גלוסט נים צו פארלירן פאָרם און געשטאַלט, נים צו פארלירן דעם גוף, נים צו פאַרגיין. אָבער פון מזרח קלינגט אָבער זאַנפטע חכמה: שלאָפן איז בעסער ווי זיין וואַך, טויט זיין איז בעסער ווי לעבן. נים אנטקעגן שטעלן זיך, אַריינשטראָמען אין נישט, נים טאָן, מוותר זיין, און די מילדע, אייביקע כוואליע גיסט זיך שטיל אריין אין לאַנד כנען.

אייביק שטראָמען די דריי כוואליעס איבערן קליינעם לאַנד און גיסן זיך צונויף; די ליכטיקע, רעשיקע פון וועלן און

טאָן, די הייסע, גליענדיקע פֿון קעניגלעכן ניט=וועלן=זיך=אונטערגעבן=דעם טויט, די מילדע, טונקעלע פֿון זיך=לאָזן און מוותר זיין. שטיל און אופמערקזאַם ליגט דאָס קליינינקע לאַנד כנען און לאָזט די כוואַליעס איבער זיך שטראָמען און זיך צונויפגיסן.

אין אָט דעם פּיצינקען לאַנד איז געזעסן, מיט ליכטיקע אויגן, מיט שאַרפֿן געהער, דאָס פֿאָלק ישראל. געלוגט קיין מזרח, געהאָרכט קיין מערב, אויסגעקוקט קיין דרום. עס איז א קליין פֿאָלק, און עס זיצט צווישן קאָלאָסן: בבל=אשור, מצרים; סיריערוים. עס מוז שאַרף אופפאַסן, בכדי אומגערן ניט צעדריקט צו ווערן אָדער צעגאַנגען ווערן אין די ריזן. און עס וויל ניט צעגאַנגען ווערן, עס וויל זיין, עס איז אַ קלוג, קליין, מוטיק פֿאָלק, עס האָט גאָר ניט בדעה זיך צו לאָזן צעדריקן. די דריי כוואַליעס קומען כסדר ווידער, אין אייביקן גלייכמאָס. אָבער דאָס קליינע פֿאָלק האַלט זיך פֿעסט. עס איז ניט נאַריש, עס שטעלט זיך אַנטקעגן קעגן דעם, וואָס איז אוממיגלעך; עס בויגט איין דעם קאָפּ, אויב עס קומט אַ צו הויכע כוואַליע, און לאָזט זיך רואיק ארומשווינקען ביז איבערן שייטל. אָבער דערנאָך גלייכט עס זיך ווידער אויס און טרייסלט זיך אָפּ און איז פֿאַראַן. עס איז אויסגעהאַלטן, אָבער ניט נאַריש פֿאַרעקשנט. עס לאָזט זיך טראָגן פֿון אַלע כוואַליעס, אָבער פֿון קיינער ניט איינגאַנצן. נעמט זיך ארויס פֿון די דריי שטרעמונגען, וואָס פּאַר דעם טויג, פּאַסט זיך צו דעם צו.

די שטענדיקע סכנה צווינגט דאָס קליינע פֿאָלק ניט צו פֿאַרזען קיין איין באַוועגונג פֿון די גיגאַנטישע שכנים. שטענדיק פֿאַרזיכטיק צו שפּירן, אויסשמעקן, אָפּקלייבן, דערקענען, אָט דאָס אָפּקלייבן, איינאָרדענען, דערקענען די וועלט ווערט זיין טבע. עס וואַקסט באַ אים אַ גרויסע ליבשאַפֿט צום מיטל פֿון דער דאָזיקער דערקענטעניש, צום וואָרט. זיין רעליגיעזער געזעץ האָט ארופֿגעלייגט אַן איסור אַף עם=הארצים, עס איז א געטלעכער געבאָט צו קענען די תורה, דאָס פֿאָלק פֿאַרצייכנט, וואָס עס ברענגען אים די דריי כוואַליעס. מאַכט איבער אין אייגענע, פֿון דעם געשאַפֿענע ווערטער די ליכטיקע, רעשדיקע תורה פֿון טאָן, די

פאַרשטיקטע, עקשנותדיקע פון דער אומשטערבלעכקייט, די לינדע, גרינג־פליסנדיקע כוואליע פון דער וואוילקייט, פון ניט וועלן און ניט טאָן. און דאָס קליינע פאָלק שרייבט די ביידע ביכער, וואָס האָבן מער פאַר אַלע איבעריקע אומגעביטן דעם פנים פון דער ערד, דאָס גרויסע בוך פון טאָן, דעם תנ״ך, און דאָס גרויסע בוך פון וויתור, די עוואנגעליע. אָבער דאָס עקשנותדיקע שטרעבן צו אומשטערבלעכקייט בלייבט דער גרונט־טאָן אין גאָר זיין לעבן און וואָרט.

די זין פון קליינעם פאָלק זיינען ארויסגעגאנגען אין דער וועלט ארויס און לעבן אין דער תורה פון מערב. ווירקן, קעמפן, האַווען. פונדעסטוועגן זיינען זיי ניט אינגאנצן היימיש אין טאָן. זייער היים איז אפן בריק צווישן טאָן און וויתור. און אלע מאָל ווענדן זיי זיך, קוקן צוריק קיין ציון. אָפטמאָלס, אין מיטן דעם פולן נצחון באַם איינזען די מפלה, אין מיטן דעם ווילדסטן געלאף בלייבן זיי שטיין, פארציטערט, הערן ארויס פון טויזנט קלאנגען איין גאָר שטילע, פאַרגייענדיקע שטים: ניט וועלן, ניט טאן, מוותר זיין אפן איך.

און פאראן צווישן זיי אזעלכע, וואָס מאכן דורך דעם וועג אינגאנצן: פון ווילדן דריי־שטורעם פון טאָן, פון מאכט, גלוסט, פאַרמעג איבער דעם עקשנותדיקן ווידערשטאנד קעגן טויט צו נחתדיקער אויסליידיקונג און צעגאנגען ווערן, צום שטילן איינ־שטראָמען אין ניט וועלן און וויתור.

Free Public Library, Newark, N. J.

דורך נאַכט. וואָלקנס, שטורעם זיינען קוריערן געפלויגן קיין שטוטגאַרט. צו די הערן פון פּאַרלאַמענט, צו רעמכינגען, צו דער הערצאָגין. זיי האָבן אריבערגעיאָגט דעם קאָטש מיט די דעפּוטירטע, וואָס זיינען געווען באַם הערצאָג. נאָך פאַר די דעפּוטירטע איז די בשורה וועגן קאַרל אלכסנדרס טויט אריין דורכן טויער. האָט ערטערווייז אויפגעפלאַקערט אין דער טונקעלער, שטילער שטאָט, וואו עס איז נאָך אומעטום געווען שושקעריי און פיבער. אויף די גאַסן, צום שכן זיינען געלאָפן די בירגער. איז דאָס אמת? גאָטס שטראָף. באַשיימפּערלעך דעם אויבערשטנס פינגער. אזוי וואונדערלעך גרויס די אויסלייזונג, גאָר ניט צו גלויבן. אָבער איז דאָס טאַקע אמת? איז דאָס ניט קיין גענאַר? שרעקעוודיקע ליכט האָבן געברענט אין די הייזער. די שושקעריי פאַרשטאַרקט, ערשטע, אונטערדריקטע פרייד־געשרייען. מיט אַ מאָל איז דורכגעפלויגן אַ קלאַנג, צעטרעטנדיק אלץ איבעריקע: עס איז געווען נאָר אַן אָנפאַל, דער הערצאָג איז ווידער געקומען צו זיך. ווי האָבן זיי זיך אַוועקגעגנבעט אַהיים, איינגעבויגן די קעפּ, אויסגעלאָשן די ליכט. ביז סוף כל סוף איז געקומען די אמתע זיכערע ידיעה, וואָס אין איר איז שוין קיין ספק ניט געווען, פון ראָטהויז אַראָפּ האָט מען געלאָזט מעלדן: דער הערצאָג איז טויט. איצט האָט ארויסגעשטורעמט די לאַנג איינגעהאלטענע פרייד. מען פאַלט זיך אויפן האַלז, מען זאָגט תפלות. פרייד אויף אלע פּנימער: געראַטעוועט! ליכט און יום־טוב. דער קאָנדיטאָר בענץ מיט די חזירשע אויגן האָט מיט זיין קאָמפּאַניע אין בלויען באָק, אויסגעמאָלט אַ טראַנספּאַרענט, וואו אַ געפליגלטער טייוול טראָגט איבער אַ קירך מיט צוויי טורעמס אַ מענטשן, אונטן האָט ער מיט ריזיקע אותיות אונטערגעשריבן דעם פערז „זעט, ווי דעם כופר פון געלט וועגן טוט דער טייוול אַוועקטראָגן". מיט שוויצנדיקע הענט, וואָס האָבן געציטערט פאַר פרייד, האָט ער אוועקגעשטעלט דעם טראַנספּאַרענט אין פענסטער, וואָס האָט געשטראַלט פון ליכט. האָט געקוואָלן פון שמחה, ווען דער המון איז געבליבן שטיין פאַרן פענסטער, האָט דעם פערז פאַנאַנדערגעטראָגן איבער דער שטאָט. באַלד האָט מען אומעטום דערציילט: דעם הערצאָג האָט

געכאַפּט דער טייוול. האָט איר ניט געהערט, וואָסער שוואַרץ=
בלויען, מוראדיק צעקרימטן פּנים עס האָט דער מת? מיט די
נעגל האָט דער ניט=גוטער דערוואָרגן דעם פּירשט דעם
כופר.

אַ פּאַרציטערטע און דערשראָקענע איז געזעסן מאַריע
אויגוסטע אין איר קאַבינעט. געווען אינגאַנצן צעטומלט. אַרום
איר זיינען געווען דער הויף=קאַנצלער שעפּער, דער גענעראַל
רעמכינגען, איר גייסטלעכער, דער קאַפּוצינער פלאָריאַן. זי איז
געזעסן אין אַ רייצנדן נעגליזשע, וואָס איז ערשט היינט פרי
געווען אָנגעקומען דורך אַ ספּעציעלן קוריער פון פּאַריז, און זי
האָט אַליין געטראַכט, ווי עס איז אַ שאָד, וואָס זי האָט ניט גע=
האַט דעם נעגליזשע מיט א טאָג פריער. דעמאָלט וואָלט זי דאָס
געטראָגן אין יענער גרויסן=נאַכט און קאַרל אַלכּסנדר וואָלט דאָס
נאָך געזען. איצט איז ער טויט און וועט שוין קיין מאָל מער
קיין הנאה ניט האָבן פון קיין פרוי און פון קיין נעגליזשע. זי
האָט געשפּירט, אַז זי האָט אָפּגעטאָן א גוטע זאַך, וואָס זי איז
לכל הפּחות אין דער לעצטער נאַכט געווען אַזוי ווויליק אַנטקעגן
קאַרל אַלכּסנדר. פון אונטן האָט אַרויפגערעשט די פרייד פון דער
שטאָט איבער דעם הערצאָגס טויט.

דער מאַסיווער רעמכינגען, וואָס האָט אין גאָר דער שרעק
און צעטומלעניש ניט ווילנדיק און אָן געדאַנקען מיט די אויגן
גענפרעסן מאַריע אויגוסטעס נאַקעטע אָרעמס, האָט געבורטשעט,
פלאַצנדיק פון אָנמעכטיקן גרימצאָרן: קאַטעווען! אַריינקאַטעווען! אַף
להכעיס אַלעמען דורכפירן דעם פּראָיעקט. מען האָט די זעלנער.
פאַר די זעלנער איז ער ערב. גוט, אַ פּאָר פולקן וועלן זיך
צעבונטעווען, וועט ער הייסן שיסן. זאָל מען לאָזן שווערן אַף
דער הערצאָגין. סעמיראַמיס. עליזאַבעט. קאַטאַרינע. קאַטעיוען!
קאַטעווען! אַ פּאַרציטערטער האָט דער קאַנצלער אָפּגעשלאָגן. נאָר
איצט קיין בלוט ניט פאַרגיסן, ווי גאָט איז אייך ליב. דער
פּוטש איז געענדיקט און פאַרבײַ. נאָר פאָרזיכטיק איצט און לויט
געזעץ. אַלצדינג לויט געזעץ. די צוואה גיט וואָס אָנצונעמען.
דאָס נעמלעכע האָט געטענעט אויך פאַטער פלאָריאַן, נאָר באַ=

שטומטער און ווינציקער דערשראָקן, די פליענדיקע פאַנטאַזיע דעם קאַפּוצינערס האָט געשפּונען א לופטיקע קייט. ער, דער קלוגער פּאָליטיקער, אַלס ווידוי-פּאָטער פון דער רעגירנדיקער הערצאָגין, אַף דער דאָזיקער אפשר וויכטיקסטער שטעלע אין דער אימפּעריע, וואָס האָט די בעסטע אויסזיכטן. ער האָט שוין זיך אויסגעמאָלט אין זיין פאַנטאַזיע, בעת ער האָט גערעדט שטילע, פאָרזיכטיקע רייד, פאַרן דייטשן רישעליע אָדער מאַזאַרין. אָבער מאַריע אויגוסטע, בעת פון איר פאַסטעל-פאַרבענעם, קליינעם עקדיש-קאָפּ האָט אויסגעוויזן, ווי זי האָרכט זיך צו אופמערקזאם, איז בעת מעשה געווען אין אַנדערע וועלטן, זי האָט געטראכט פון קאַרל אלכסנדר, פונם נעגליזשע, פון דעם אַלמנה-שלייער, וואָס מען דאַרף באשטעלן — מען קאָן דאָס מאכן זייער פיקאַנט און גוט קליידעדיק. אפילו די מיאוסע הערצאָגין פון אנגולעם האָט גוט אויסגעזען אין טרויער — און נאָכדעם ווי די הערן האָבן געהאַט געמאַכט העכסט פּאָזיטיווע פאָרשלאָגן, האָט זי געזאָגט נאַאיוו מיט קליינער וויכטיקער שטים אין פראַנצויזיש: „וואָס טוט מען, מיינע הערן? וואָס טוט מען?“

די קאָמיסיע פון פאַרלאַמענט האָט זיך צונויפגעקליבן נאָך באַנאַכט; אויך אַנדערע פאַרלאַמענטאַריער האָט מען ניט געקאָנט אָפּהאלטן פון אָנטייל צו נעמען אין דער זיצונג. די שמחה די וויכטיק טוערישע, דאָס בלאזעניש פון זיך! די הערן האָבן געמאַכט דעם אנשטעל, אַזוי ווי דעם הערצאָגס טויט איז דאָס זייער פערזענלעכער אופטו, אזוי ווי זיי וואלטן געווען אַזעלכע קלוגע פּאָליטיקער, וואָס האָבן פאָרויסגעזען וואָס עס דאַרף קומען און האָבן אזוי פשוט פאַנאַנדערגעפלאַנטערט דעם קריזיס. דער פאַרלאַמענטאַריער נייפּער האָט געמיינט מיט אן אמת, אַז דאָס האָט ער מאַקע געבראַכט די וואונדערלעכע הצלה. אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער זיך צונויפגעשפּונען, אויסגעמישט און פאַרדרייט פאַקטן מיט קלאַנגען, א גאַנצע פאַרפּלאָנטערטע מעשה מיט סודות און אינטריגעס, און ער אליין איז געזעסן אין מיטן מעשה שפּין און אָנדרייער. צי האָט ער ניט דורך זיינע פייערדיקע רייד איבערצייגט דעם קאמערדינער נייפּער, זיין געשוועס-

טערקינד. ווי ווייט שעדלעך עס איז דער דעספאָט, צי האָט ער אים ניט אריבערגעצויגן אַפן צד פון דער קאָנסטיטוציענעלער פּאַרטיי, הגם ער אליין האָט דערין ניט מודה געווען? בלי ספק האָט ער וואָס איז געווען דעם הערצאָגס נאָענסטער דינער, געגעבן אַזאַ שטאַרקע דאָזע פונם אפראָדיזישן געטראַנק, אַז בא דעם הערצאָגס שטייגער לעבן און בא זיין פעטקייט האָט ער נישט אַנדערש געמוזט כאַפּן די אַפּאָפּלעקסיע. ער האָט שוין נאָכגעפרעגט בא מעדיצינער; אַלע האָבן זיי אים באַשטעטיקט, אַז בא אַזעלכע אומשטאַנדן האָט געמוזט קומען די קאַטאַסטראָפע, וויבאַלד אַז קיין רפואות זיינען ניט געווען אַפן ארט. און קיין רפואות זיינען ניט געווען, קאַרל אלכסנדר איז געשטאָרבן — איז דאָס געווען אַ צופאַל, האַ? אָדער אפשר האָט א פּאַרזיכטיקע, קלוגע האַנט דאָס אזוי איינגעשטעלט? — קאַרל אלכסנדר איז געשטאָרבן אינגאַנצן אליין, אפילו זיין ווידוי-גייסטלעכער איז ניט געווען דערביי, בכדי אַריינצופירן זיין כופרישע נשמה אין כופרישן הימל; קיין איין לאַקיי איז ניט געווען אין די קאָרידאָרן, גאָר די דינערשאַפט — איר פאַרשטייט צי ניין? — איז געווען אין צווייטן פליגל פון שלאָס, בכדי צוצוקוקן, ווי מען טאַנצט. איינער אליין, ווי א הונט, איז דער דעספאָט געפּגרט: אַט די פאַנטאַסטישע מעשה, וואָס פאַר איטלעכן, וואָס האָט געוואוסט, אַז ניט ניפער, נאָר דער שווארץ-ברוינער האָט געמישט דאָס געטראַנק, איז דאָך דער ליגן אירער געווען באַשיימפּערלעך, האָט דער פאַרביסענער מענטש צוגעשעפּטשעט זיינע קאָלעגן פון פאַרלאַמענט, צושמייכלענדיק דערביי מיט א פיל-באַטייטיקן, טייוולאָנישן שמייכל. דער הערצאָגס טויט גראָד אין דעם מאָמענט איז דאָך געווען אַזאַ נס, אַז אַ סך זיינען געווען נוטה צו גלויבן דער דערציילונג פונם פינסטערן פאַנאַטיקער. און שוין האָבן זיי זיך אָפּגערוקט פון אים און האָבן אים באַוואונדערט, און איינזאַם האָט דער שטוטגאַרטער ברוטוס זיך געשפּיגלט אין זיין פינסטערער גרויסקייט.

די אַנדערע, בלאָזנדיק פון זיך, האָבן געשמידט פּלענער. שוין איז די פרייד איבער דער וואונדערלעכער הצלה ארויסגע-

שטופּט געוואָרן פון חשק צו פאַרמעגן, מאַכט, נקמה, האָ! איצט איז מען אפן זאָטל! האָ! איצט וועט מען דאָס אָפּצאָלן, דעם אידן, די כופרים, אַלעמען, וואָס פאַר זיי האָט מען פריער גע־מוזט בויגן דעם רוקן. עס איז געווען קלאָר, אַז דער הערצאָג רודאָלף פון נייענשטאַט מוז ווערן דער אויבער־אַפּיטראָפּוס פונם קליינעם קרוין־יורש. אַלץ איינס ווי עס שטייט אין קאַרל אַלכסנדרס צוואה. אַף דעם דאָזיקן מעג מען זיך פאַרלאָזן. ער איז א גוטער פראָטעסטאַנט און פון זייער פּאַרטיי. נאָך מאָרגן וועט מען שיקן נאָך אים. און היינט נאָך, היינט בײנאַכט וועט מען אויפשפּילן דעם טאַנץ די כופרים און די פאַרדאַרבערס פון לאַנד און די אידישע משרתים. צום מיליטער האָט מען ניט דערוועגט זיך צוצורירן; אָבער פון ציוויל ווער עס איז פון זיין פּאַרטיי געווען ניט אין לודוויגסבורג, נאָר אין שטוטגאַרט, האָט מען געכאַפּט נאָך אין דער זעלביקער נאַכט. עס איז געווען אַזוי ווי נאָך עבערהאַרד לודוויגס טויט בײַ דער ירידה פון די גרעוועניצס. פּאָליציי־כאַפּערס און געריכטס־דינער זיינען אַרומגע־גאַנגען, האָבן אַרעסטירט, אַוועקגעשלעפּט אין תפיסה די געפאַ־לענע, וואָס האָבן געקוקט קרום, זיך געשאָלטן ווילד, געזידלט גיפטיק, געבעטלט און געקלאָגט הכנעהדיק, צווישן דעם המון, וואָס האָט געגאַפט, זיך איזדעקעוועט, געקוואָלן פון נחת. אין תפיסה די בילאַרס, מעץ, האַלוואַקס. אין די תפיסה די לאַמפּ־רעכטס, קנאַב, אפילו דעם הויף־קאַנצלער שעפער.

מיט סקריפּענדיקע ציין האָט רעמכינגען צוגעקוקט. בפירושער פאַרזאָג פון דער הערצאָגין האָט אים פאַרבאָטן, זיך אַריינצומישן. אָבער זאָלן זיי נאָר סמייען צו פאַרטשעפּען עמיצן פון מיליטער! אין איינציקן פון זיינע אָפיצערן זאָלן זיי אָנרירן מיט זייערע פאַרשטונקענע פּעוול־פינגער! דעמאָלט האַלט ער זיך ניט איין, דעמאָלט קאָטעוועט ער אַריין! אָבער אין ווייטן קרייז האָבן די שלוחים פון דער לאַנדשאַפט אויסגעמיטן די מילי־טער־לייט.

מערקווירדיק, פון איינעם האָט מען אין שטוטגאַרט גאָר ניט גערעדט, אָבער גאָר אין דער שטיל, מיט א רמז, אָן צו

דערמאָנעט זײַן נאָמען, און דאָך איז אָט דער אײנער געווען דער טיפסטער גרונט פֿון זײַערע געדאַנקען, פֿאַרבאַהאַלטענע האָפֿענונג פֿון דער הערצאָגין און פֿון די מיליטער־לײַט, שטילע שרעק פֿונם פּאַרלאַמענט און די בירגער.

וואָס טוט זיס? וואָס וועט ער אָנהײבן? צי וועט ער אָנ־פֿאַלן? אָדער זיך פֿאַרטײדיקן, דער שלאַנג, דער דורכגעטריבענער טײַוול? ער איז געווען אין לודוויגסבורג. מען האָט פֿון אים ניט געהאַט קײן ידיעה, קײן אות קײן דעפּעשע, גאָרנישט. עס האָט געשאַריעט אַף טאָג, א וואַרימער, רעגנדיקער מערץ־פֿרימאָרגן איז אופֿגעגאַנגען. מען איז געווען טויט מיד און דערהרגעט נאָך דער טומלדיקער נאַכט מיט איר אַרויף און אַראָפּ, מען האָט זיך אויסגעצויגן אַף די געלעגערס. און נאָך אַלץ איז פֿון אידן ניט געווען קײן דעפּעשע. דערײַן האָט עפּעס געשטעקט, א רציחה, א נבלה. אין די ערשטע חלומות אַרײַן האָט זיך אַרײַנגעגליטשט צו די פֿאַרביסן כעסדיקע אַרום דער הערצאָגין, צו די טריאומפֿירנדיקע פּאַרלאַמענטאַריער, צו די געפֿאַלענע, אַרעסטירטע פֿאַרשטיקטע שרעק און האָפֿענונג: וואָס טוט זיס?

אין לודוויגסבורג האָט דער דאָקטאָר ווענדעלין ברייער דיקטירט דעם דאָקטאָרשן פּראָטאָקאָל. צוזאַמען מיט די קאָלעגן געאָרג בורקהארד זעגער און לודוויג פרידריך בילפינגער האָט ער פאַר די אויגן פונם רעגירונגס-פּרעזידענט פאַן ביילוויץ און פונם הויף-מאַרשאַל פאַן שענק-קאַסטעל געפּלמעסט דעם טויטן. אַלע דריי לייב-דאָקטוירים, בעת זיי האָבן געשניטן דעם טויטן קערפּער, האָבן געהאַט איין און דעם זעלביקן געדאַנק: אַהאַ! אָט ליגסטו ווי א פּיאַנקע שטיל, בריקעסט ניט מיט א פוס, וואַרפסט מיר ניט דאָס פלעשל רפואה אין קאָפּ אַריין. זייערע מינעס זיינען געבליבן ערנסט און פול מיט בכבודיקער טרויעריקייט, ווי עס פּאַסט פאַר וויסנשאַפטלער. און איצט האָט דער דאָקטאָר ווענדעלין ברייער מיט זיין הוילער שטים און מיט גרויסע, פלאַטערדיקע באַוועגונגען דיקטירט דעם פּראָטאָקאָל פונם פּאַלמעסן, אויסגערעכנט דעם הערצאָגס פעלערן און באַשטעטיקט, אַז עס האָט אים געכאַפּט די ניכפּה.

בינתים האָט מען אין שטוטגאַרט, שוין אָפּן צווייטן טאָג נאָך קאַרל אלכסנדרס טויט, געעפנט זיין צוואה. אין דעם לכתחילהדיקן נוסח פון דער צוואה זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר אַפּיטראָפּסים די הערצאָגין צוזאַמען מיטן הערצאָג קאַרל רודאָלף פון נייענשטאַט. א שפּעטערדיקע הוספה, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון די געהיימראַטן פיכטל און ראַאַב האָט אויך דעם אַרציבישאָף פון ווירצבורג אַריינגענומען פאַר א שותף אין דער אַפּיטראָפּסות, א צווייטע הוספה, וואָס קאַרל אלכסנדר האָט זי געחתמעט ערשט קורץ פאַר זיין טויט, האָט געגעבן דעם בישאָף באַזונדערע פולמאַכטן.

באַלד איז א דעפּוטאַציע פון דער עלפער-קאָמיסיע אָפּגעפאָרן אין דער שטילער נייענשטאַט צום הערצאָג קאַרל רודאָלף, בכדי אים צו בעטן אונטערטעניקסט, ער זאָל איבערנעמען תיכף ומיד די רעגענטשאַפט. קאַרל רודאָלף איז געווען א קאַרגער, באַאָרנטער מענטש. ער האָט שטודירט אין טיבינגען, שוין אין די יונגע יאָרן ארומגעשמעקט די וועלט פון אַלע זייטן, געווען אין דער שווייץ, אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, נידערלאַנד. דערנאָך

האָט ער געדינט אין ווענעציע, געשלאָגן זיך אין מאָרעאָ, שטאַרק זיך אויסגעצייכנט בא דער באַלאַגערונג פון נעגראָפּאָנטע. האָט געקעמפט ווי א פריווויליקער אין אירלאַנד, געפירט אין שפאנישן ירושה=קריג די צוועלף טויזנט געדונגענע דענישע זעלנער, דעם בלוטיקן זיג בא ראַמילי האָט ער אנטשיידן. פרינץ אייזשען און מאַלבאָראָ האָבן פון אים שטאַרק געהאַלטן, זיין נאָמען האָט געגלאַנצט צווישן די אייראָפּייאישע קריגס=פירערס. פלוצים, נאָכדעם ווי ער האָט נאָך זיין ברודערס טויט גערירשנט די מאַיאָנטקעס פון ווירטעמבערג=נייענשטאָט, האָט ער, וואָס איז געווען דעמאָלט אלט פופציק יאָר, זיך אָפּגעזאָגט פון אלע זיינע מיליטערישע שטעלעס, באַזעצט זיך אין דער קליינער שטאָט, געלעבט זיך ווי א ישובניק, ווי א שטרייינגער, געוויסנהאַפטער פאַטריאַרך פון זיין קליינעם פאָלק.

ער האָט מיט קאַרל אלכסנדר ניט געוואָלט האָבן קיין מגע ומשא. דער דאָזיקער גרויסאַרטיקער פירשט מיט זיין לוקסוסדיקן הויף און מיט זיין עזותדיקן, שווינדלערישן אידן איז אים געווען טיף דערווידער. ער איז געווען א שטרייינגער, קאַרגער מענטש, און איצט שוין אריבער זיבעציק. ער האָט ליב געהאַט זיין קליינע, פארשפונענע, באַבלימטע שטאָט; פלעגט מען שמועסן פון מאַריע אויגוסטע, דער כופרטע, דער הצופּהשער ליבהאָבערין פון פוץ און קאָמעדיאַנטן, פלעגט ער זויער און מיט עקל פארקרימען זיינע האַרטע ליפּן. ער איז געווען קליין, דאַר, א ביסל קרום, זיין ריידן איז געווען מיליטעריש קורץ, זיין הלבשה און די בעלי=הבתישקייט פון זיין הויף שטרייִנג רעגולירט, זוייבער, פּראָסט. ער פלעגט זאָגן: חוב! ער פלעגט זאָגן: גערעכטיקייט! ער פלעגט זאָגן: אויטאָריטעט! ניט געקוקט אף זיין עלטער איז ער געווען א שטאַרקער אַרבעטער.

ער האָט אויסגעהערט די שטוטגאַרטער דעפּוטאַטן שווייגנדיק, האָט זיי געלאָזט אויסריידן זייערע בפּרטיותדיקע רעדעס און איבערחזרן זיי און האָט נאָך אלץ געשוויגן. ער איז געווען שטאַרק באַיאָרנט, ער וואָלט געוועזן גערן צו פאַרברייִנגען זיינע ביסל יאָרן אין זיין קליינער, מיט בליאונג ארומגערינגלטער שטאָט,

צו באַקוקן, ווי אַן אַלטער פּויער, זײַנע פעלדער און זײַנע ווײַנגערטנער, אופצופּאַסן איטלעכן פון זײַנע אונטערטאַנען, ווי אַזוי ער האָדעוועט זײַנע קינדער און זײַנע בהמות. איצט האָט גאָט אַרופגעלייגט אַף אים, דעם אַלטן מאַן, די דאָזיקע האַרטע אַרבעט, אויסצוזייעניקן און אויסצוקערן גאָר די מיסט פונם פאַרברודיקטן לאַנד. זיך פאַרן שטאַרבן נאָך אַרומצוקריגן מיטן קיסר, אַרומצוזרייסן זיך מיטן פּעטן, דורכגעטריבענעם יעזואיט פון ווירצבורג. נאָר גאָט קאָמאַנדירט; ער איז געווען זעלנער און האָט געוואוסט, אַז מען מוז פאָלגן אַן עלטסטן, האָט געהאַלטן פון דיסציפּלין, איז ער מרוצה געוואָרן. און ער האָט געזאָגט צו די שטוטגאַרטער: ער נעמט אָן די רעגענטשאַפט, אָבער נאָר בתנאי, אַז קיין צווייטער אַפּיטרופּות, חוץ אים, זאָל קיין דעה ניט האָבן, ניט די הערצאָגין, די קאַטויליקן, די רעגנסבורגערין, און אַפּשיטא שוין ניט דער יעזואיט, דער ווירצבורגער. ער האָט געזאָגט, אַז שוין אַפן צווייטן טאָג קומט ער אָן אין דער הויפּטשטאָט.

מיט פרײַלעכע הערצער זײַנען די שטוטגאַרטער געפאָרן צוריק. אָט דאָס איז דער מענטש, וואָס זיי דאַרפן האָבן. ער וועט שוין פאַרטיק ווערן מיט רעמכינגען און אויך מיטן אידן, וואָס פון אים האָט מען נאָך אַלץ, צום גרויסן חידוש, קיין זאַך ניט געהערט.

רעמכינגען האָט באַלד גענומען מאַכן גוואַלדן. ער האָט פון שטענדיק אָן פײַנט געהאַט דעם דאַרן נייענשטאַטער, פלעגט אָפטמאָלס מאַכן חוזק פון אָט דעם קנורע און גראַשענער נשמה. איצט האָט ער זיך געשטיצט אַף דער הוספה פון דער צוואה, אַף די פולמאַכטן פונם אַרציביסקופּ פון ווירצבורג, אַף די זעלנער וואָס זײַנען אים געווען געטרײַ. ער האָט ניט געוואָלט געבן דעם הערצאָג-רעגענט די האַנט אַף געטרײַשאַפט, האָט ניט אָנגענומען פון אים קיין פּאַראָל, פאַרבאָטן דאָס נעמלעכע אויך די מיליטערלײַט, וואָס שטייען אונטער אים, האָט פון זיי אָפּגענומען אַ שבועה אַף קאַרל אַלכסנדרס צוואה. האָט פאַרשטאַרקט אַן דעם וויסן און קעגן ווילן פון דעם הערצאָג-רעגענט דעם שטוטגאַרטער

גאַרניזאָן, האָט אָנגעזאָגט די קאָמאַנדאַנטן פון די פעסטונגען אין לאַנד, זיי זאָלן ניט אַננעמען קיין אַנדערע באַפעלן, נאָר פון אים דירעקט אָדער פון דער הערצאָגין. בכדי אויפצורייצן די אַרמיי קעגן קאַרל רודאָלף, האָט ער געלאָזט פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז דער נייער רעגענט האָט צוזאַמען מיטן פּאַרלאַמענט בדעה צו פאַרקלענערן די אַרמיי, אַז מען וועט אַ סך מענטשן אָפּלאָזן פון דינסט.

אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן איז קאַרל רודאָלף אָנגעקומען קיין שטוטגאַרט שטיל און באַשיידן, האָט זיך באַזעצט אין אַ זייטן־פליגל פון שלאָס, האָט געוואָלט אָפּגעבן אַ וויזיט דער הערצאָגין דער אַלמנה, יענע אָבער האָט אים ניט אָנגענומען. ער האָט זיך ניט שטאַרק גענומען צום האַרצן דעריבער, און אויפן צווייטן טאָג איז ער, דער איינאונזיבעציק־יאָריקער שוין געוועסן זעקס אינדערפרי בײַ דער אַרבעט, ווי ער איז געווען געווינט. ער האָט צוערשט אויסגערייניקט אין דער הויפּטשטאָט אָן שום רחמנות, אַלע באַאַמטע, וואָס האָבן עפּעס געהאַט אַ פלעק, האָט מען אָפּגעזאָגט פון די שטעלעס, זייערע פּאַפּירן פאַרחתמעט, אַ סך אַרעסטירט. דער גרעסטער רוב פון די אָנפירער פון דער קאַטוילישער פּאַרטיי זײַנען שוין געווען אַנטלאָפן.

אין פאָלק פלעגט מען איצט אומעטום חוזק מאַכן עפנטלעך פונם הערצאָג, וואָס איז נאָך ניט געלעגן אין דער ערד, און פון דער הערצאָגין דער אַלמנה, וואָס איז געזעסן ברוגז און צאַפּלדיק און אָנמעכטיק אין אירע צימערן. האָט דער הערצאָג־רעגענט אַרויסגעלאָזן שטרייַנגע באַפעלן, צו פאַרבאָטן אַזעלכע חוזק־מאַכערייַ. ער האָט געזאָגט: חובֿ! ער האָט געזאָגט: גערעכטיקייט! ער האָט געזאָגט: אויטאָריטעט!

צווישן אַנדערע איז לויט אָט דעם באַפעל אוועקגעזעצט געוואָרן אויף דרייַ טעג אין תּפיסה דער קאָנדיטאָר בענץ, וואָס האָט געמאַכט יענעם שפּאָטישן טראַנספּאַרענט מיטן הערצאָג און דעם טייוול. דעריבער האָט דער מענטש מיט די חזיר־אייגעלעך געכאַפּט אַ שווערע אינפלוענצע. געקומען צוריק אַהיים, האָט ער

געמוזט זיך ארײנלײגן אין בעט, ער האָט געטרונקען כלערלי־
טײען, באלד האָט מען געוואוסט ער וועט שוין ניט אופשטײן.
ארום זײן בעט זײנען געשטאַנען זײנע גוטע פרײנט פון בלאען
באָק. ער האָט זיך געווײצלט מיט סם: „אונטערן פאַרלעצטן
הערצאָג האָט רעגירט א זונה, אונטערן לעצטן א איד, אונטערן
איצטיקן אַן אידיאָט”. פאַרן שטאַרבן האָט ער געווילדעוועט ווי
משוגע, געשפּיגן מוראדיקע, קוויטיקע קללות. אין בלאָען באק האָט
מען געשמועסט, אז דער הערצאָג דער כופר און דער איד זײ־
נען שולדיק אין טויט פון אזא גוטן בירגער.

מאַריע אויגוסטע האָט צוזאַמען מיט רעמכינגען געארבעט
ווילד און אָן אָפּרו קעגן קאַרל רודאָלף און דעם פּאַרלאַמענט.
איר האָט עס שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס מען האַלט פוּן איר
ווי פון אַ גרויסער פרוי. די ערשטע דאַמע פון דײטשלאַנד איז
זי שוין געווען זינט לאַנג, איצט האָט זי געהאַט חשק צו זײן
די ווײבלעכע פּאַרטנערין פונם יונגען קעניג פון פּרײסן, וואס איז
גראד אין יענע טעג ארוף אפן טראָן. אָ, זי וועט זײן די קאָ־
טוילישע קאָנקורענטין פון יענעם גרויסן פּראָטעסטאַנט. האָט זי
דען ניט געהאַט אף איר צד דעם קיסר, קור־בײערן, איר פאָ־
טער און אפילו פראַנקרײך? זי, די קלוגע, וועלטלעכע פרוי,
זאָל דאָס ניט קאָנען באַשטײן אַנטקעגן דעם אלטן שרײער און
פוּיער און פאַרזײערטן עובר־בטל, דעם עזותדיקן אוזורפּאַטאָר
קאַרל רודאָלף? צוזאַמען מיט רעמכינגען, איר קאַפּוצינער פאָטער
פלאָריאַן און איר ביבליאָטעקאַר האָפּאַן, וואס זי האָט אים גע־
האַלטן פאַר א גרויסן מבין אין פּאָליטיקע, האָט זי געשפּונען
אָן א צאָל קלײנע, קינדערשע אינטריגעס, אנגעברוגזט, ווען עפּעס
פלעגט ניט תיכף אָפּגילטן. טויזנט דעפּעשעס זײנען געלאָפן,
קײן ווין, קײן ווירצבורג, קײן בריסל צו איר פאָטער. ווי א
פאַרטרויערטע אלמנה האָט זי זיך באַוויזן פאַרן הויף און פאַרן
לאַנד, שטאַרק אויסגעפּוצט, דער קלײנער, לאַנג־אויגיקער, בלאַ־
סער קאָפּ אין דעם שווארצן שלײער. איר זונעלע, דעם הערצאָג
האָט זי געלאָזט אראָפּברײנגען פון בריסל, באַווײזן דעם פירשט

דעם יתום מיט די שטראַליק גרויסע אויגן, דעם גערירטן פאָלק.

אבער קאַרל רודאָלף, דער אַלטער זעלנער, האָט זיך ניט געלאָזט פארטומלען. ער האָט פאַרעפנטלעכט א דערקלערונג, אַז ער קלערט גאָר ניט צו פאַרקלענערן די ארמיי, און האָט אויך דעם פּאַרלאַמענט געהייסן מאַכן אזאַ דערקלערונג. אין א טאָג ארום האָט ער אוועקגעשטעלט דאָס מיליטער אונטער דער אויבערקאָמאנדע פון גענעראל פאָן גאַיסבערג, האָט באַשטימט פּאַר רעמכינגען, וואָס האָט שיעור ניט געפּלאצט פאר כעס, שטוב=ארעסט, אוועקגעשטעלט א וואך פאַר זיין טיר. דאָס איז געווען דרייסט, עס האָט געקאָנט ארויסרופן בלוט=פארגיסן, קריג, באוואפנטן ווידערשטאַנד פון אינעווייניק און פון אויסווייניק, אַלץ פּטרן אָדער אלץ ראטעווען. עס האָט גאָרנישט געפּטרט. דאָס מיליטער און צוגלייך דאָס לאַנד האָבן געפאָלגט, אנגענומען די הערשאַפט פונם הערצאָג ארמיניסטראַטאָר.

דער קיסר האָט פארהאַלטן די באַשטעטיקונג פון דער דאָזיקער איבערגעוואלדיקער רעגולירונג. די יעזואיטן פון דער הערצאָגין האָבן פארלאַנגט, אז דער ווינער הויף זאל דערקלערן פאר גילטיק קאַרל אלכסנדרס לעצטע צוואה און באַשטעטיקן פאר אפּוטרופּסים דעם פירשט=ביסקופּ און די הערצאָגין. דער פירשט=ביסקופּ אליין האָט געמאַנט. פּראָטעסטירט אין אייגנהענטיקע בריוו צום קיסר, האָט געלאָזט זיין הויף=ראַט און פּראָפעסאָר איקשטאַט אָנשרייבן אן אויסגעצייכנטן חיבור, וואָס אין אים איז געווען באַוויזן מיט די חריפותדיקסטע ראיות, אַז געזעצלעך גילטיק איז נאָר די לעצטע צוואה. מען האָט שטאַרק באַוואונדערט, אפילו צווישן די קענער, די חריפות פון אָט דעם חיבור. אָבער קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן האָט דאָס ניט געבראַכט. נאָכדעם ווי רעמכינגען איז באַזייטיקט געוואָרן, איז קאַרל רודאָלף געזעסן פעסט אין זיין מאַכט, און אָן קריג, וואָס קיינער האָט ניט געוואָלט, האָט מען אים ניט געקאָנט אַראָפּזעצן. די פּראָטעסטן, די טענות זיינען געבליבן פּלאַטאָניש.

דער קלוגער ווירצבורגער האָט גאר אף אנדערש ניט גע־ריכט זיך. ער האָט געלאָזט ארבעטן זיין מאַשינעריע און אינע־וויניקסטן אימפעט, נאָר בכדי צו מאַכן די פוריע. ער האָט אויסגעהערט דעם פארטראג פון זיין טייוולאָניש דורכגעטריבענעם, ניבזהדיקן בעל־יועץ פיכטל. ער איז געווען מיט אים דורכאויס מסכים. דאָ האָט מען איבער געוואלד גאָר נישט געקאָנט פועלן. די קירך האָט צייט, די קירך ארבעט אף לאנגע יאָרן. איצט האָט מען באַדאַרפט רעכענען אפן יונגען הערצאג, דערציען אים פעסט אין קאַטוילישן גלויבן; אמת, ער, דער בּיסקופ, וועט שוין ניט דערלעבן צו זען די פרוכט צייטיק. איבעריקנס, ארימער קארל אלכסנדר! גוטער, פעטער, אָנגענעמער פריינט! ינוח בשלום על משכבו. ער וועט אליין לייענען מעסעס נאָך אים. וואס מען דארף איצט טאָן, איז ארויסדרייען זיך פון דעם ווירטעמבער־גער עסק אף א גוטן אופן, ניט קאָמפראמיטירט.

מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט האָט מען פון שטוט־גאַרט פאַרמעקט און אַרויסגעשאַפט אלצדינג, וואָס האָט געקאָנט קאָמפּראָמיטירן ווירצבורג און די קאַטוילישע. עטלעכע דאָקומענטן וואָס האָבן באַזונדערס געקאָנט דינען פאר א באַוויז קעגן זיי, זיינען געווען באַהאַלטן בא רעמכינגען. נאָכדעם ווי דער גענעראל איז אומגעריכטערהייט ארעסטירט געוואָרן בא זיך אין וואוינונג, האָט מען געפּרואווט דורך שוחד וויַיך צו מאַכן די וואַך־זעלנער און אז דאָס האָט ניט אָפּגעגאָלטן, איז איין מאָל א אינגל פון א קוימענקערער, איבער די דעכער פון די שכנישע הייזער, אריינגעקראָכן, דורכן קוימען אין רעמכינגענס צימער אריין, וואו יענע פאַפּירן זיינען געלעגן, און ער האָט זיי מיט מזל אָפּגעבראכט צו די יעזואיטן פון דער הערצאָגין. די דאָקומענטן זיינען נעלם געוואָרן קיין ווירצבורג.

בינו לבינו האָט דער אַלטער רעגענט דורך זיין זעלנערשן שטייגער געהאט אריינגענומען די ארמיי פעסט אין די הענט. האָט איצט פאַרשאַרפט דעם גענעראלס אַרעסט. געלאָזט אָפּפירן אים מיט זיין אַדיוטאַנט דעם הויפּטמאַן גערהארד אין דער פעס־טונג אַספערג.

די הערצאָגין האָט ניט געקאָנט מער רואיק צוקוקן, ווי מען באַגייט זיך מיט איר ליבן, וויכטיקסטן העלפער, און זי האָט געמוזט פאַרבויגן איר שטאָלצן ברוגז קעגן דעם הערצאָגרעגענט. זי האָט געבעטן קאַרל רודאָלף צו זיך אַף אַ שמועס. דער אַלטער הערצאָג איז געקומען אָן צערעמאָניעס, איז געשטאַנען פּראָסט, אָפּגעלאָזן, מעשה ישובניק, פאַרקרימט אַנטקעגן דער פאַרפּוצטער דאַמע, וואָס איז געווען אויסגעפּיינט מיט אַלע מיטלען פון אַ מאָדערנער קאָסמעטיקע און האָט געשמעקט מיט ליבלעכע ריחות. ער איז געווען אַליין; זי האָט געהאַט בא זיך איר פּאַטער פלאָריאַן, דעם ווידוי-גייסטלעכן, און איר ביבליאָטעקאַר פראַנץ יוסף האָפּאַן, דעם פּאָליטיקער, אַ קעציש זאַנפטן, ליטעראַרישן, מאָדיש געקליידטן יונגען מאַן; נאָך רעמכינגענס אַרעסט איז ער אין איינעם מיטן קאַפּוצינער געווען איר נאָענטסטער בעל-יועץ. קאַרל רודאָלף האָט באַטראַכט קאַלט און פאַרזיכטיק דאָס אומסימפּאַטישע, דרייבלעטערדיקע ווילדגראָז, וואָס טוט, בעוונותינו הרבים, זיך אויסשפּרייטן איבערן גוטן גאָרטן ווירטעמבערג. מאַריע אויגוסטע פון איר זייט האָט באַקוקט פון אויבן אַראָפּ און אַ ביסל אַמיזירט דעם שמאַטעדיקן, פּראָסט געקליידטן, קליינעם זעלנער, וואָס ווייס געוויס ניט אָפּצושאַצן דעם ראַפינירטן שניט פון איר טרויער-קלייד. שטום האָט קאַרל רודאָלף אויסגעהערט אירע פיל טענות. זיין שטומקייט האָט זי צערייצט, זי איז געוואָרן האַסטיקער, האָט גענומען אויסרעכענען צוזאַמען מיט וויכטיקע זאַכן אויך קינדערשע נאַרישקייטן, האָט זיך פאַרפּלאָנטערט; אירע מיטהעלפער האָבן געמוזט ווידער אַרופפירן זי אַפן גלייכן וועג. מיט ביטול און מיט עקל האָט קאַרל רודאָלף זיך צוגעהערט, ווי זי האָט מיט וויכטיק-טועריש אָנשטעל באַנוצט יורידישע פאַך-ווערטער, געווינטלעך ניט דאָרט וואו מען דאַרף. אים האָט אויסגעוויזן, אַז די הייליקע באַגריפן קאָנסטיטוציע, בירגערלעכע פרייהייטן ווערן פאַרשוועכט אין אָט דעם קליינעם, נאַרישן, זונהדיקן מויל. ער האָט געענטפערט קורץ, אָפּגעהיט, גראָב, האָט קונציק אויפגעכאַפּט אַלע אירע גרייזן, די טענות און די אויסבעסערונגען פון דעם קאַפּוצינער און פונם

פײנער, ביבליאָטעקאַר האָט ער האַרט און ביטולדיק געמאכט זיך
ניט הערנדיק; ער איז אַ פּירשט און האָט צו טאָן נאָר מיט
ד'ער פירשטין. ער האָט אויסגערעדט מאַריע אויגוסטע, אַז זי
האָט שלעכטע יועצים און עס פּאסט גאָר ניט פאר איר כּבוד
צו פארטיידיקן רעמכינגען דעם רשע, דעם בוגד. אין אלע קליינע
פראַגן פון עטיקעט, וואָס זי האָט זיי ארויסגעשטעלט גרויס און
וויכטיק, האָט ער צוגעזאָגט אומגעזאַמט צו טאָן איר ווילן, נאָר
אף אַלצדינג וואָס איז פּאָליטיש געווען וויכטיק איז ער באשטאנען
פּעסט אף דאָס זייניקע. דער קאַפּוציינער און דער ביבליאָטעקאַר
האָבן געבראָכן די הענט, ווי די הערצאָגין האָט מיט נצחון אָנ=
גענומען די אלע קליינע הנחות, בּכדי נאָכצולאָזן דעם דורכגע=
טריבענעם, גראָבן אוזורפּאַטאָר אַלצדינג וואָס האָט באמת א ווערט.
סוף כל סוף איז מען נאָך געקומען צו די פינאַנציעלע ענינים.
דערפון אָבער האָט מאריע אויגוסטע גאָרנישט ניט פארשטאנען;
זי האָט געשטאמט פון איינעם פון די רייכסטע אייראָפּייאישע
הייזער, האָט געוואָרפן מיט מאיאָנטעקס אַרום זיך, ווי אַן אַנדע=
רער מיט פרוטות, האָט געהאַלטן פאַר פלעביייאיש אפילו צו
ריידן וועגן געלט=זאכן. קאַרל רודאָלף פון זיין זייט איז אפילו
געווען א גוואלדיקער בעל=חשבון, ווען עס איז געגאַנגען מכּח די
אינטערעסן פון לאַנד; פאר זיך גופא האָט ער אָבער קיין סך
ניט באדארפט, ער איז געווען אן אַלטער מאַן, קיין קינדער האָט
ער ניט געהאַט, איז דאָס געווען זיכער, אַז ער וועט איר ניט
קאַרגן. בכן איז ביידן ניט געווען שווער צו באווייזן פיינקייט, זיי
האָבן זיך צונויפגערעדט אף דעם געביט אָן מי, זיינען זיך צע=
גאנגען במעט בשלום. דער הערצאָג איז געווען נשתומם און בא=
פרידיקט, ווייל ער האָט איינגעזען, אז מאריע אויגוסטע איז גאָר
ניט קיין זינדיקע בבל, נייערט א גאנה, און די הערצאָגין איז
געווען נשתומם און באפרידיקט, ווייל זי האָט איינגעזען, אז קאַרל
רודאָלף איז בעצם גאָר ניט קיין איינגעשפּארטער פוירישער
אוזורפּאטאָר, נאָר פּשוט אן אייזל. אפן סמך פון אַזאַ איינזעעניש
זיינען זיי זיך ביידע פאנאנדערגעגאנגען כּמעט מיט א געוויסער
פון= אויבן= אַראָפּיקער און ביטולדיקער גוטגינציקייט.

נאַטירלעך איז אויך שפּעטער געקומען צו אַ סך קליינע סיכסוכים. נאָר דורך אָט דער איינציקער באַגעגעניש איז דעם הערצאָג=אַדמיניסטראַטאָר שוין געווען קלאָר געוואָרן, וואָסער פּאָליטיק ער באַדאַרף פירן. אויב ער פלעגט וועלן קריגן פון מאַריע אויגוסטע אַן ערנסטע הנחה אין פראַגן פון פאַרוואַלטונג, פלעגט ער נעמען צודריקן זי אין זאַכן פון עטיקעט. פלעגט באַ איר וועלן צונעמען אַ מיטל, שיקן איר אַף דער וואָך אַ נידעריקערן אָפיצער אַנשטאָט אַ שטאַב=אָפיצער, שיקאַנירן איר ליבלינג, דעם פיינעם, מאָדישן ביבליאָטעקאַר. פלעגט זי אָנהייבן טענען, דעמאָלט פלעגט ער פאַרלאַנגען הנחות אין פּאָליטישע פראַגן, בכדי צו באַפרידיקן אירע פאָדערונגען.

צו אַן ערנסטער מחלוקת איז געקומען בנוגע די הכנות צו קאַרל אַלכּסנדרס קבורה. מאַריע אויגוסטע האָט אין משך פון צוויי חדשים זיך געפרייט דערמיט, וואָס זי וועט באַ דער געלעגנהייט פאַראַדירן פאַר די אויגן פון גאַנץ אייראָפּע ווי די שענסטע און גרויטוועלטישסטע אַלמנה אין גאָר דער אימפּעריע, ווי די גרויסע פירשטין, וואָס רוים און גאָר די קאַטוילישע וועלט שטעלן אַזוי פיל אויס אַף איר. נאָר דער הערצאָג=אַדמיניסטראַטאָר האָט ניט געוואָלט לאָזן אויספירן קאַטוילישע צערעמאָניעס באַ דער באַגרעבעניש, בכדי ניט אופצורייצן דאָס פאָלק; דעמאָלט האָבן די קאַטוילישע פירשטן און האַרן געסטראַשעט, אַז זיי וועלן ניט קומען צו דער לויה. מאַריע אויגוסטע האָט זיך געערגערט קראַנק און אַלט פאַר כעס. דער קיסר האָט געמוזט דורך אַן אייגנהענטיקן בריוו צווינגען קאַרל רודאָלף נאָכצוגעבן. האָט מען טאַקע דעמאָלט אָפּגעריכט די לויה מיט אַן אומגעהייערן פּאַראַד. די אָן אַ צאָל טרויער=קאַראָטן, ליכט=טרעגערס, גייסטלעכע, די שוואַרצע פּאַראַד=הלבשה פון די פירשטן און האַרן, באַאמטע, ליווריען. דער מאַרש פון די סאָלדאַטן, וואָס האָט געדויערט שעהן לאַנג. די גלעקער, רעדעס, געזאַנגען, זאַלפן לכבוד דעם טויטן. און אַ סך טויזנטער הייסע אויגן אַף דער וואונדערשיינער הערצאָגין דער אַלמנה מיט באַוואונדערונג און גלוסט. דין און בויגעוודיק איבער דעם ברייטן שוואַרצן בראָקאַט פון ראָק

די מאַליע; ניט צו גלויבן ווייס און איידל געלענקן און הענט פון די שוואַרצע שפּיצן פון די אַרבל אַרויס; קיין שום צירונג ניט חוץ דעם שטערן און קרייץ פון פּויפּסלעכן אָרדן און אַ קייטל פון זעכצען אויסגעקליבענע שוואַרצע פּערל. דער אַלמנה־שלייער אַזוי געזעצט, אַז זיין שוואַרץ איז געבליבן טעמפּ אַנט־קעגן דעם שטראַליקן שוואַרץ פון די האָר. דער קליינער עגדיש־קאָפּ, מיטן קלאָרן שטערן, אין קאָליר פון אַלטן איידעלן מירמל־שטיין, האָט געוואָרפן אויגן, בא גאָר דער ווייטער הויכקייט, פול מיט רייץ און האָט געוועקט גלוסטן. אַזוי האָט מאַריע אויגוסטע זיך געשפּיגלט אין טרויער און אין גרויסן גלאַנץ.

אגב איז דאָס געווען אַ ליידיקע פּאַראַד־טרונע, וואָס צוליב איר האָבן גלעקער געקלונגען, רעדעס זיינען געזאָגט געוואָרן, געזאַנגען פייערלעך אָפּגעהילכט, זאַלפּן פון הארמאַטן געדונערט. דער טויטער קאַרל אַלכּסנדר איז פאַר דער צייט פון דער מחלוקת צווישן זיין אַלמנה מיטן הערצאָג־רעגענט, ניט געקוקט אף דער באַלזאַמיר־קונסט פון זיינע דאָקטוירים, געוואָרן אַזוי צעפוילט און שטינקענדיק, אַז מען האָט אים אַ צייט פריער פאַר דער אָפיצי־עלער לויה געמוזט גאָר בשתיקה באַגראָבן אפן נייעם צווינטער פון לודוויגסבורג.

די דיפּלאָמאַטן און מיליטער=לײַט, וואָס דער הערצאָגס טויט האָט זיי אַזוי אומגעריכט פאַרכאַפּט אין לודוויגסבורג, זיינען צוערשט געבליבן זייער שטיל און האָבן געוואַרט. דורך דעם וואָס זיי האָבן געהאַט אַרעסטירט זיסן, האָבן זיי אף יעדער אופן געהאַט אַ באַווייז פאַר זייער געטריישאַפט דער מלוכה. שוין אין עטלעכע טעג אַרום איז געווען קלאָר אפילו פאַר די שווערע קעפּ, אַז די קאָנסטיטוציאָנעלע פּאַרטיי האָט געזיגט, און אַז מכח דעם מיליטערישן אופשטאַנד און דעם קאַטוילישן פּראָיעקט איז ניטאָ מער וואָס צו טראַכטן. נאָר עטלעכע, פאַרעקשנטע אונטער דער אָנפירונג פון אַ געוויסן פּרינץ וואַלדעק, האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די פאַקטן. די אַנדערע האָבן קיין מאָל גאָר ניט געקלערט מכח אַן איבערגעוואַלדיקער איבערקערעניש, די שינוים, וואָס זיי האָבן געפּלאַנט, האָבן באַדאַרפט געמאַכט ווערן אין די ראַמען פון דער קאָנסטיטוציע און נאַטירלעך מיטן הסכם פון פּאַרלאַמענט. איין פאַרברעכער און געוואַלד=טוער איז געווען, דער באַשעפער פון אַלדאָס בייז, אָפּטוער פון אַלע צרות, יועץ פון גאָר דאָס שלעכטס, וואָס האָט פאַרפירט דעם גוטן פירשט און האָט פון זיינע אידעלע פּלענער געמאַכט פּונקט דעם היפּוך, דער וואָס האָט חרוב געמאַכט דאָס לאַנד, איין מנוול און זשוליק, איין איינציקער, דער איד. און ווי ריין און געטריי דער מלוכה האָט מען זיך אַליין געפילט, איז געווען קלאָר דערפון, וואָס מען האָט דעם דאָזיקן אידן ניט געלאָזט מאַכן די פּליטה, וואָס מען האָט אים באַלד געכאַפּט.

איז דאָך אָבער דער אַרעסט פון זיס בעצם געגאַנגען זייער פּשוט און ניט מיט באַזונדערן גלאַנץ און האָט ניט געקאָנט דינען צו פאַרשטאַרקן דעם פּרעסטיזש פון די הארן. האָט מען געמוזט אַ ביסל צופּוצן דעם פּשוטן אופן, ווי אַזוי מען האָט אים געכאַפּט אין לודוויגסבורג, מאַכן אים ראָמאַנטישער. האָט מען געלאָזט אַריינשעפּטשען אין שטוטגאַרט אַ קלאַנג, און באַלד האָט מען שוין גערעדט וועגן דעם העכער, און אָט איז עס שוין געווען געוויס, אַז זיס האָט זיך באַלד נאָכן הערצאָגס טויט געהאַט אַרויסגעגנבעט פון לודוויגסבורג, אַריינגעכאַפּט זיך אין

שטוטגאַרט אין זיין הויז, זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן, און סוף כל סוף האָט ער געפּרואווט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד און מיטגענומען זיינע עשירות און פּאַפּירן, וואָס האָבן געקאָנט באווייזן זיין שולד. אָבער די בראווע אָפיצערן, און קודם כל דער העלדישער מאיאר ריידער, דער ערלעכער מאַן און גוטער פּראָטעסטאַנט, וואָס די גאַנצע שטאָט האָט אים געליבט און הויך געשאצט, איז גראד צו דער רעכטער צייט דערגאַנגען, וואו דער זשוליק געפינט זיך, און אז ער וויל אנטלויפן. מען האָט דערציילט גענויע פּרטים. זים האָט זיך דורכגעגנבעט פאַרביי די וויינגערטנער, האָט שוין געהאַט באוויזן אָפּצופאָרן א שטיק אף דעם הינטערשטן קריגסבערגער וועג. דעמאָלט האָט דער מאַיאָר גענומען זיינע בעסטע שטאָטישע רייטערס — מען האָט אפילו געוואוסט זייערע נעמען גוקנבערגער, טרעפּטס, וויס, מאן, מייער, — און אַזוי זאלבעזעקסט האבן זיי אים נאָכגעשטורעמט. אף דער קאַרנוועסטהיימער הויכקייט האָבן זיי אים אָנגעיאָגט. מיט אן אנגעשטעלטן פּיסטויל האָט דער העלדישער ריידער אים אַנטקעגנגעדונערט זיין האַלט! עס האָט דעם אידן ניט געהאלפן זיין אומפארשעמטקייט, זיין געשריי און זיינע סטראשונקעס. די העלדישע שטאָטישע רייטערס האָבן פארקערעוועט זיין קאַראט, און איצט, איצט וועלן זיי אים באלד אריינברענגען דורכן לודוויגסבורגער טויער איבער דעם תליה-אופגאנג.

א יום-טובדיק טומלדיקער המון האָט אָפּגעווארט דעם קאַראט מיטן ארעסטירטן. גראָבע וויצן, פרייליכע אופרעגונג, ווייסע חברהניקעס הויך אַף בוימער, אַף די געזימסן פון טויער. אין שיינק צום גרינעם בוים, האַרט באם טויער, איז געזעסן צוזאַמען מיט נאָך זינדלעך פון פארמעגלעכע בירגער דער יונגער לאַנגעפּאַס, א לעבעדיקער פעטער יאט, שטאַרק בלאָנד. א רויטער פּנים, מיט בלאָע, קליינע אויגן. ער האָט מכבד געווען זיינע חברים מיט אלטן אולבאכער, האָט געטריבן קאַטאָוועס מיט די מיידלעך, עס איז געווען א פריילעכע קאָמפּאניע, אופגעלייגט אזוי ווי באם לעצטן קאַרנאַוואל. אַז דער קאַראט מיט זיסן איז אונטער הילכעדיקן געשריי דורכגעפאָרן דער טויער, באוואכט

פון רײדער מיט זײנע רײטערס, האָבן זיך עטלעכע פונם מישפון יונגען לאַנגעפּאַס זיך אַרופגעװאָרפן אַפן װאָגן, האָבן ארויסגעריסן דעם געפאַנגענעם, גענומען אים שלעפּן אהין און אַהער, בוכצען, שלאָגן, שטופּן, רײסן. דערװײל האָט דער יונגער לאַנגעפּאַס געטרונקען א גלעזל װײן לחיים דעם מאַיאָר רײדער און האָט אים אונטערגעטראָגן אַ גלאָז, יענער האָט מיט א שמײכל אָנגענומען דעם כיבוד, אויסגעטרונקען, בעת דאָס פאָלק האָט דעם אידן געבראָכן די בײנער. זים האָט איבעריקנס זיך לחלוטין ניט געלאָזט אײנשרעקן, ער האָט דערלאַנגט צוריק קלעפּ, א יונגאַטש, װאָס האָט זיך געהאַט פאַרביסן אים אין ליטקע, האָט ער א זעץ געטאָן אַזוי, אַז יענער האָט זיך אַראָפּגעקולערט אונטער די פיס פון המון; אויך האָט ער געענטפערט מיט הארטע דבורים אף די קללות און זידלערײען פון די אָנפאַלער. עס איז ניט געװען קײן פאַנאַטישער, נאָר א זאַכלעכער, זאַפטיקער געשלעג, אָבער סוף כל סוף װאָלט דער איד דערהרגעט געװאָרן, אַזוי זיך, אין גוטן מוט, הגם דאָס פאָלק האָט דאָ נאָר געװאָלט אַ קאַפּעלע קאַטאָװעס טרײבן. זײנען אָבער באַלד אונטערגעקומען שטאָטישע גרענאַדערן און האָבן אים מיט דער הילף פון די שטאָטישע רײטערס אַרויסגעריסן פון די הענט פון פאלק. אויסגעמאַטערט און אָן אָטעם איז ער געזעסן אײנגעהויקערט אין װאָגן, צעצופּט און צעריסן, פול שמוץ און בלוט. דער יונגער לאַנגעפּאַס, װאָס איז געװען א פרײלעכער בחור און דערפאַר באַליבט בא פרויען, האָט אף קאַטאָװעס אופגעהויבן דעם פּאַרוק, װאָס איז באַם געשלעג געװען אַראָפּגעפאַלן פון אידנס קאָפּ, און האָט אים געטראָגן אף זײן שטעקל, און דער גאַנצער עולם האָט געקװאַלן פון נחת. אַזוי איז זים געפאָרן באַגלײט פונם פרײלעך שרײענדיקן המון, אפן מאַרק אין הערן=הויז ארײן.

היות װי מען האָט דעם אידן געהאַט צוגענומען, האָט דער המון אונטער דער אנפירונג פון דעם יונגען הער לאַנגעפּאַס געכאַפּט די אנדערע אידן און גענומען זיך איזדעקעװען איבער זײ. א באַזונדער פאַרגעניגן האָט מען געהאַט דערפון,

וואָס מען האָט באַ אַן אַלטן אידן, וואָס האָט זיך מיט די לעצטע כחות פאַרטיידיקט, אַרויסגעריסן די גראָ=ווייסע האָר און די באָרד, דערבײַ האָט לאַנגעפּאַס אונטערן דונערדיקן בײַפאַל פון המון געזאָגט עטלעכע וויצן מכח לײַז. א געוויסע יענטל הירש א יונג, צירערדיק מיידל, ניט קיין שיינע, האָט מען אויסגעטאָן נאַקעט און מען האָט באַ איר מיט הירזשענדיקן געלעכטער גע=זוכט פלײַ. אַלע שטוטגאַרטער אידן, פון זקן ביז וויג=קינד האָט דער רירעווודיקער המון אַזוי אַרום צונויפגעפּאַנגען און באַגלייט פון א רויזיקער כאַליאַסטרע גאַסן=אײַנגלעך, באַוואַרפן מיט שטיינער און קויט, זיי צוגעשטעלט דעם שטאָט=הויפּטמאַן. בעת די דאָזיקע געשעענישן זײַנען אָנגעקומען מיט עקסטרא=פּאָסט צוויי פּראַגער אידן, בכדי אָפּצומאַכן מיטן אַלמעכטיקן פינאַנס=דירעקטאָר פאַרשיידענע באַנק=געשעפטן. זיי זײַנען ניט געווען שטאַרק באַהאַוונט אין דער שוואַבישער פּאָליטיק, בפרט האָבן זיי קיין השגה ניט געהאַט, וואָסער שייכות דער קאַטוילישער פּראָיעקט האָט געהאַט מיט זייערע עסקים; זיי האָבן נאָר געוואוסט, אַז זיס איז דער מעכטיקסטער איד פון גאַנץ אייראָפּע און אַז די אידן פון ווירטעמבערג זײַנען געשטאַנען אונטער א באַזונדערן שוץ. ווי נשתומם זײַנען זיי אָבער געוואָרן, וואָס קוים ווי זיי זײַנען אַרויס פון פּאָסט=קאַרעטע, האָט מען זיי געכאַפּט, גע=טרייסלט, געשלאָגן, און זיי זײַנען געוואויר געוואָרן, אין וואָסער אומגליקלעכן צושטאַנד עס איז געפאַלן דער מעכטיקער פינאַנס=דירעקטאָר. בעת די דאָזיקע רדיפות זײַנען איבעריקנס, אומגעקומען עטלעכע אידן, צווישן זיי דרײַ פראַנקפורטער שוץ=אידן, און די פרייע אימפּעריע=שטאָט האָט זייער ענערגיש זיך באַקלאָגט דערויף. דער הערצאָג אַדמיניסטראַטאָר האָט דע=מאָלט געזאָגט: חוב! אַווטאָריטעט! גערעכטיקייט! און האָט דרײַ פון די שולדיקע אָוועקגעזעצט אויף צוויי טעג אין אַרעסט.

א פלינקער פּאָעט האָט באַלד באַשריבן דעם אַרעסט פון זיס אין פּאַסיקע גראַמען. באַלד איז דער שיר דורכגעפלויגן דורך שטוטגאַרט און דורכן גאַנצן לאַנד; באַזונדערס צוויי פערזן זײַנען

אומעטום געוואָרן ציטירט און האָבן זיך איינגעשניטן אין זכרון פון יונג און אַלט אָפּן גאַנצן לעבן: „דאָ שפּראַך דער הער פאַן ריידער; האַלט! אָדער שטאַרק ענטוועדער!“ דעם מאיאָרס ריי־דערס פּאָפּולאַריטעט איז באַזונדערס אויסגעוואַקסן מחמת דעם קונציקן אופן, ווי אַזוי ער האָט ניט דערלאָזט אָט דעם רמאי און רשעותדיקן העברייאישן לאַנד־פאַרדאַרבער אַנטלויפן, און וואָס ער פלעגט זיך באַווייזן מיט זיין האַרטן מויל, זיין נידעריקן שטערן, זיין בורטשענדיקער שטים, פלעגן אים באַגייסטערע ביר־גער מאַכן אָוואַציעס.

אין יענעם טאָג, בעת מען האָט זיסן געבראַכט קיין שטוטגאַרט, האָט מען געפּרוּווט אויך צו באַפאַלן און אויסצו־רויבן זיין פּאַלאַץ אָף דער זייגאַס. פירערין בא דער דאָזיקער אונטערנעמונג איז געווען די סאָפי פישער, די טאָכטער פונם עקספּעדיציע־ראַט, די געוועזענע מעטרעס פון זיס. די פולע, שיינע, באַלייבטע פערזאָן האָט זיך געהאַט מאָדנע אומגעביטן. זי האָט געשריען, געגליט, געקראַכן פון די כלים, דיקע, בלאָנדע פאַטלעס האָר זיינען געפלויגן אין אַלע זייטן, שווייס האָט זיך געגאָסן פון איר פּנים. די הייזער פון די איבעריקע אידן זיינען געבליבן ניט געשיצט, און ניט איין גוט שטיקל בעל־הבתישקייט, צירונג און מזומן געלט איז בא דער געלעגנהייט אַריינגעפאַלן אין לייטישע הענט. זיס׳ הויז פּאַרקערט איז געווען געשיצט דורך אַ שטאַרקער מיליטער־וואַך, ניקלאַס פּעפלע האָט צו דער רעכטער צייט געוואָרנט דערפאַר. נאָך אַן אַנדע־רער האָט זיך קרעפטיק און מיט הצלחה באַמיט, צו היטן דאָס הויז, דאָס באַרטעלעמי פּאַנקאָרבאָ. ער איז געקומען ווי אַ רע־גירונגס־קאָמיסאַר מיט פּאָליציי און מיליטער און האָט אַרופגע־לייגט אַן אַרעסט אָפּן הויז און פּאַרמעגן. געפירט פון ניקלאַס פּעפלע, האָט ער געשלורעט פאַמעלעך איבער די רחבותדיקע, אויסגעפּוצטע, זייער געאָרדנטע חדרים, האָט געוואָרפן אויגן פון אויסגעדאַרטן, בלאָ־רויטן קאָפּ אין אַלע ווינקעלעך, מיט ביטול איז ער געגאַנגען פאַרביי איידעלע טעפּיכער, מעבל־שטיקער, בילדער, צאַצקעס. גראַד פון די טייערע שטיינער, וואָס נאָך זיי

האָבן געלעכצט זײַן האַרץ און זײַנע פינגער, איז גאָרנישט ניט געװען. אָפּגעהיט און מיט חשד האָט ער אױסגעפּאָרשט ניקלאַס פּעפּלע; אומבאַװעגט, פלעגמאַטיש האָט געענטפערט דער בלאַסער, פעטער מענטש. דער פּאָרטוגעז האָט גענומען סטראַשען, אָבער זײַן פאַרמוכלטע שטים האָט זיך אָן א פעולה אַראָפּגעגליטשט אױף דעם סעקרעטאַרס גלײַכמוט. סוף כּל סוף האָט מען ניקלאַס פּעפּלע אַרעסטירט, אױסגעפּאָרשט אים אונטער עינױים, דורכגע־נישטערט זײַן קאָרעספּאָנדענץ. מען האָט גאָרנישט ניט געפונען און מען האָט געמוזט אָפּ דעם יונגען מאַן, דעם מאָרודניק און שװײַגער, אין גיכן פרײַלאָזן.

זיסן האָט מען צוּערשט אָפּגעפירט אַף דער פעסטונג האָ=
העניפּען און דאָרט געהאַלטן ניט שלעכט. מען האָט אים גע=
געבן עסן אַף זיינע אייגענע הוצאות, וויפיל ער האָט געוואָלט
און וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט געמעגט אופנעמען געסט,
לאָזן ברענגען זיך פון דער היים קליידער און זאַכן. ער האָט
די דאָזיקע פרייהייט ניט אויסגענוצט באַזונדערס פיל. ער איז
געוואָרן געוויען צו זיין אַליין, דערמאָלט פלעגט ער ארומגיין אהין
און צוריק איבערן חדר, מיט פאַרגעניגן, כמעט מיט שמייכל
אונטערברומען עפּעס ניט קיין מעלאַדישן ניגון, צוּשאָק=
לען מיטן קאָפּ באַזאַכט דורכגעטריבן, ווי אַן אַלטער קאַפּאַ=
טע־איד.

אַי, ווי איז דאָס געווען גוט און אַ מחיה, צו זיין אין
רו און צוצוקוקן, ארום אים האָבן זיי געצאַפּלט און געמאַטערט
זיך. די איינע האָבן זיך געמאַטערט אים איינצובויגן וואָס נידע=
ריקער און אים צו דערטרינקען, ער אַליין האָט זיך געצאַפּלט,
בכדי זיך ארויסצוכאַפּן פון זיי, צו קומען אַף דער לופט. האָהאָ!
זאָלן זיי כאַפּן, זאָלן זיי אים פאַנגען! די נאַראָנים. די! זיי האָבן
ניט געוואוּסט, אַז דאָס איז גאָר ניט דער זעלביקער, וואָס צאַפּלט
זיך דאָ, וואָס זיי ווילן אים כאַפּן. אַז דאָס איז דער אַלטער זיס,
דער נאַרישער זיס, וואָס ווייס גאָרנישט, וואָס האָט גאָרנישט ניט
געלערנט און איז גאָרנישט דערגאַנגען, דער אמתער זיס, דער
נייער זיס האָהא! — ער האָט געלאַכט מיט ווילדן, ליצנותדיקן
נחת — ער איז געווען פון יענער זייט פון גאָר דעם לעבנס=
צאַפּלעניש, דעם האָט ניט געקאָנט כאַפּן קיין הערצאָג, קיין קיסר,
קיין געריכט.

אַזוי ארום איז דאָס ניט געווען קיין גרינגע זאַך פאַר דער
קאָמיסיע וואָס איז קאָנסטיטואירט געוואָרן אַף אויסצופאָרשן די
פיל רמאותדיקע, רשעותדיקע, לאַנדספאַרדאַרבערישע מעשים רעים
און נבלות, וואָס עס האָט אָפּגעטאָן יוסף זיס אָפּנהיימער, איד
און געוועזענער פינאַנס=ראַט, מיט זיינע חברים. עס איז געווען אַ
וואָגיקע אויספאָרש=קאָמיסיע: בראש פון איר איז געשטאַנען דער
געהיימראַט פאַן גאַיסבערג, דעם גענעראַלס אַ ברודער, אַ מענטש

בעצם א רוֹאיקער, א ביסעלע א פאַרשלאָפענער, וואָס האָט געזוכט אַלצדינג דורכצומאַכן מיט א געוויסער פריינטלעכער שטריינגקייט; בייזיצערס זיינען געווען דער געהיימראַט פאָן פלוג, א דאַרער, ביטערער, האָפערדיקער מענטש, אָנגעפילט מיט שנאה און עקל צו אידן, די פראָפעסאָרן האַרפרעכט און שעפף, די רעגירונגס=ראַטן פאַבער, דאַן, רעכץ, יעגער, ענערגישע, קאַריערזוכערישע באַאַמטע אין די מיטעלע יאָרן; סעקרעטאַרן זיינען געווען דער אַסעסאַר באַרדילי און אַקטואַריוס נאַבלער. פאַר דער דאָזיקער קאָמיסיע איז קיין שום ספק נים געווען, אַז זים האָט אָפגעטאָן א גאַנצע ריי פאַרברעכנס, פאַר וואָס עס קומט טויטשטראָף. אָבער עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז שטריינג יורידיש קאָן מען זיך צו אים ווינציק וואָס צוטשעפען. די הויפּטשוועריקייט צו פאַרמשפּטן אים לויט די געזעצן איז געלעגן דעריין, וואָס ער איז נים געווען קיין באַאַמטער, וואָס האָט געהאָט אָפּגעגעבן א שבועה, אפילו קיין מלוכה=אונטערטאַן איז ער נים געווען. ער האָט מער נים ווי א פּריוואַט=מענטש מיטן טיטל געהיימער פינאַנס=ראַט געגעבן דעם הערצאָג עצות, אויב די מיניסטאָרן און יועצים, וואָס האָבן געהאַט אָפגעגעבן א שבועה, האָבן די פאַרברעכערישע פּראָיעקטן אויסגעפירט, זיינען זיי געווען די מלוכה=פאַרברעכערס, נים ער. אַזוי האָט זיך די אויספאָרשונג צעבּרעקלט אין אויסזוכן טויזנט פּרטים, וואָס פון זיי האָט מען געפּרוּווט אויסבויען די מעגלעכקייט פון א פאַרמשפּטונג. די אינקוויזיציע האָט זיך געצויגן, פאַרשלעפּט זיך אָן א סוף. און וואָס האָבן די ריכטער געהאַט וואָס צו איילן זיך? מען האָט זיך געשפּירט אַזוי אַנגענעם ווייכטיק אין דער דאָזיקער קאָמיסיע. אַלע באַקאַנטע פלעגן זיך נאָכפרעגן בּא אַזאַ קאָמיסיע=מיטגליד: „נו, וואָס האָט איר עפּעס ניים אַרויסגעקראָגן פונם אידן?“ עס זיינען אין געוויסער מאָס אַף אַזאַ איינעם געווען געווענדט די אויגן פון גאָר דעם שוואַבּישן קרייז. חוץ דעם איז דער אַנטייל אין דער קאָמיסיע געווען פאַרבונדן מיט זייער הויכע עקסטראַהאָנאָראַרן, וואָס מען האָט זיי נאַטירלעך געצאָלט פונם קאָנפיסקירטן פאַרמעגן פונם באַשולדיקטן. קודם כל די ענערגישע באַ=

אַמטע אין די מיטעלע יאָרן זיינען די דאָזיקע עקסטרא־הכנסות שטאַרק צונויץ געקומען.

די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע פלעגן פאַרהערן זיסן אַמאַל אייניציקווייז, אַמאַל אין זיצונגען פון דער גאַנצער קאָמיסיע. מען האָט געפרעגט אָף מטבעות־פאַרברעך, מאַיעסטעטס־פאַרברעך, בגידה. דער ערלעכער פראָפעסאָר האַרפרעכט, וואָס האָט זיך געהאַלטן שטרייַנג לויטן געזעץ, איז געווען איבערצייַגט, אַז זיס איז אַ זשוליק, אָבער ער האָט איינגעזען, אַז אין זין פון געזעץ איז ער ניט שולדיק. אים איז געווען דערווידער, וואָס מען סטאַרעט זיך ארופצוּוואַרפן אָפן אידן די פאַרברעכנס, וואָס לויטן געזעץ האָבן אַנדערע געדאַרפט אָפּקומען פאַר זיי. און דערפאַר האָט ער זיך באַלד אָפגערוקט און האָט זיך באַגענוגנט דערמיט צו באַקרעפטיקן מיט זיין חתימה די געזעצלעכקייט פון די אַקטן; זיין קאָלעגע, דער פראָפעסאָר שעפף, האָט אים נאָכגעטאָן. דער פרעזידענט פון דער קאָמיסיע, דער געהיימראַט גאַיסבערג, איז געקומען אַליין צו זיסן, האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע און געזאָגט אָף זיין גראַבלעך־פרייַנטלעכן שטייגער: „וואָס מאַכט איר אונז און זיך זויער דאָס לעבן, איד? אַז ער מוז אָפן שאַנדוואָגן פאָרן אין גיהנם אַריין, דאָס איז זיכער. זאָל ער ניט מיטנעמען צופיל פעק! זאָל ער זיך מודה זיין ווי געהעריק!"
זיס האָט אַ שמייכל געטאָן, האָט אונטערגעכאַפּט זיין טאָן און האָט סוף כל סוף געזאָגט, אַז העכער ווי די תליה איז וועלן זיי אים דאָך ניט קאָנען אופהייגען. ער האָט זיך געשפילט מיט אָט דעם ניט שטאַרק איבערגעשפיצטן גראָבן יונג. האָט אים צוגעוואָרפן זאַכן, וואָס יענער האָט געמיינט, אָט כאַפּט ער אים, האָט זיך ווידער אַרויסגעמאַכט, מיט אַ העפלעכן שמייכל, געלאָזן אים שטיין מיט אַרויסגעהאַנגענער צונג.

אויך די איבעריקע האָבן געפּרואווט, איטלעכער פאַר זיך, זייער מזל אָף אָט דעם דורכגעטריבענעם פאַרברעכער. זיי פלעגן אים באַזוכן בסדר, געסטאַרעט זיך אים אַריינצוכאַפּן, גערעדט צו אים מיט גוטן, געשטראָשעט אים. זיס, פון זיין יענוועלטיקער זיכערקייט אַרויס, האָט זיך מיט זיי געשפּילט כמעט ווי צום ספּאָרט,

מילד שפּאָטיש, צושאקלענדיק מיטן קאָפּ, אין באוואוסט, אַז ער איז העכער פאַר זיי, ווי פון אַן אַנדער ערד־טייל, ווי פון אַ שפּעטערדיקן דור האָט ער זיך צוגעקוקט צו זיין פּראָצעס, האָט אין דער שטיל זיך אויסגעלאַכט פון אָט די לייט, פון זייערע באַזונדערהייטן, פון זייערע קונצן און הינטערגייענגלעך, אף אים צו כאַפּן. שלימזלס! ווי זיי מאטערן זיך, ווי זיי שמייען, ווי זיי שוויצן! ווי זיי נישטערן, יאָגן, ווי מטורף אָנגעשטעלט די אויגן אַף דעם וועג, וואָס זיי מיינען, אַז ער פירט ארוף. קאַריערע! קאַריערע! און ווי נייגעריק זיי זיינען אַלע, און ווי באַקוקן זיי אים גאָר פון דער וויטנס, אָן אַ פונק ליכטיקייט, ווי זיי טאַפּן אים ארום אָן געפיל, ווי זיי זיי שמעקן אים ארום אין א חוש. דערביי איז דער איינער אָדער אַנדערער געווען אפילו גוטגינ־ציק, האָט אין משך פון דער לאַנגער אויספאָרשונג אפילו גע־קראָגן א געוויסע סימפּאַטיע צו אָט דעם מענטשן, וואָס איז אוודאי א גנב, אָבער מיט זיין פלינקן קאָפּ, מיט זיין שאַרפן גייסט איז ער געווען אַזוינס, וואָס באגעגנט זיך קיין מאָל ניט, וואָס מוז מאַכן א רושם. כמעט מיט צערטלעכן שפּאַס האָט זים זיך צוגעקוקט, ווי עס זיינען געקומען אפילו די צוויי סעק־רעטאַרן, יונג נאַריש, מיט אנשטעלן, שטרעבעריש, בכדי אויס־צופּרואוון זייער מזל און זייער געשיקטקייט אַף אים. די שלימזלס די טעמפּהאַרציקע! זים פלעגט לאָזן זיי ארופּדראַפּען זיך ווי יונגע הינטלעך און דערנאָך זיי זאַנפט און כלאחר יד אראָפּ־שטופּן.

אַלע די דאָזיקע לייט פון דער קאָמיסיע זיינען ניט געווען קיין גרויסע קאָפּ־מענטשן, קיין גרויסער בעל־כשרונות איז אויך ניט געווען דער געהיימראט יאָהאַן קריסטאָף פלוג, דער אָנטריי־בער און שטופּער פון דער אויספאָרש־קאָמיסיע. נאָר אים האָט די שנאה צו אידן געשאַרפט דעם שכל און דעם חוש הריח. וואָלט אין תפיסה געזעסן דער אמאָליקער זים, וואָלט דאָס אים צעפרעסן די נשמה, וויפיל טויזנט ניואַנסן אָט דער דאַרער, שאַרפער, ביטערער מענטש פלעגט אַרויסגעפינען, בכדי אים צו לאָזן שפּירן עקל און פאַראכטונג. הער פאָן פלוג פלעגט עס

קאָסטן געזונט צו אָטעמען די לופט ארום אידן, עס פלעגט אים
זיין ממש דערווידער, עס פלעגט אים אָננעמען אַן איבלקייט,
ווען ער פלעגט באַדאַרפן אַריבערטרעטן די שוועל פון זיין קאַ=
מער. אָבער ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב, כסדר פון דאָסניי
צו דערנידעריקן אָט דעם אויסוואורף, דעם ערגסטן פון אלע
מענטשן, ווידער אַמאָל צו צעפליקן זיין מענטשלעכע ווערדע,
צו פאַרקען זיך אין דער חרפה פון אָט דעם פּאַסקודניק. אַז
דאָס האָט אים ניט אָפּגעגאָלטן, האָט אים ארויסגענומען דאָס
געזונט, אַ פאַרמאַטערטער פלעגט ער אוועקגיין פון דער קאַמער,
כּדי נאָך אַ מאָל ווידער צו קומען. זיין האָט געקוקט אַף אים
מיט שפּאָט און רחמנות. וואָלט אָט דער העזר, וואָס איז אזוי
שטאָלץ אַף זיין אַדל, געוואָר געוואָרן, אַז אָט דער פאַר=
שטויסענער איד און מנוול איז אַ זון פון הייערסדאָרף, דעם
פעלד = מאַרשאַל און באַראָן, זיין גאַנצע וועלט וואָלט אים
איינגעפאַלן.

עס איז ניט געווען קיין איין אדוואקאַט, וואָס זאָל מיטן
גוטן ווילן זיך אָננעמען צו פירן דעם אידנס פראָצעס. עס איז
געווען זיכער, אַז ער איז אַ פאַרמשפּטער. בּאַ אַזאַ עסק האָט
מען געקאָנט נאָר העכסטנס שטעלן אין סכנה די אייגענע ווייטערדיקע
קאַריערע. בּכן, האָט דאָס געריכט געמוזט פון זיך באַשטימען
דעם אָנגעקלאָגטן אַ פאַרטיידיקער. די קאָמיסיע האָט איינגע=
שטעלט זייער אַ רייכן האָנאָראַר, אַלץ פונם פינאַנס=דירעקטאָרס
קאָנפיסקירטן פאַרמעגן פאַר דער פאַרטיידיקונג און האָט דאָס
אויפגעטראָגן דעם הויף=געריכטס=אַדוואָקאַט ליצענציאַט מיכאל
אַנדרעאס מייגלינג, וואָס האָט געהערט צו איינע פון די
הערשנדיקע פּאַרלאַמענטאַריער=משפחות. יענער האָט, בּכן,
געמוזט קומען קיין שטוטגאַרט און אויפשרייבן די פאַרטיידיקונגס=
שריפט, וואָס דערפאַר האָט ער גענומען ניט קיין געווייגלעך
הויכן האָנאָראַר. מען האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, ער זאָל
זיך ניט צופיל אָנשטריינגען, גאָר די וועלט האָט געוואוסט, אַז
די דאָזיקע פאַרטיידיקונגס=אקציע איז נאָר אַ פוסטע פאָרמע.
אָבער דער ליצענציאַט מייגלינג, אַ האַרציקער בּלאָנדין מיט אַ

ראָזן, קיילעכדיקן, פריינטלעכן, פעסטן אינגלשן פנים איז געווען אַן ערלעכער מאַן, ער האָט ניט געוואָלט נעמען געלט אומזיסט האָט ער די זאַך גענומען מוראדיק ערנסט, איז געלאָפן, געשוויצט, געשריבן. די הערן פונם אינקוויזיציע-געריכט פלעגן שמייכלען, ווען זיי פלעגן אים זען, דער איד גופא פלעגט שמייכלען. מען האָט דעם וואוילן מענטשן שטאַרק שווער געמאַכט זיין ארבעט. וויכטיקע פאַפירן פלעגט מען פון אים באַהאלטן, די פראָטאָקאָלן פון די איינציקע פארהערן פלעגט מען אים סתם ניט געבן, בכלל האָט מען זיסן ניט געשטערט אופצונעמען בא זיך מענטשן. דעם אָרעמען ליצענציאַט אָבער פלעגט מען כסדר לייגן שטיינער אין וועג, ווען ער פלעגט וועלן זיך צונויפריידן מיט זיין קליענט שריפטלעך אדער פערזענלעך. ער האָט אָבער ניט געלאָזן זיך אָפשרעקן, נאָר ער האָט געטאָן ערלעך, פלייסיק און אָן טאַלענט זיין אַדוואקאַטישן חוב.

זיס איז נאָך אַלץ געווען אַף דער פעסטונג האָהענייפן, גוט געהאַלטן. ארום אים זיינען געווען די הערן פון אינקוויזיציע-געריכט, האָבן געפאַשעט פון אים זייער גוף און נשמה און געלט-ביטעלע. ער אבער איז געזעסן שטיל און בארוט, אין א אויסטערלישן, וואכן אָפרו, ער איז געזעסן אזוי ווי אין וואטע, מען האָט צו אים ניט געקאָנט צוקומען.

דאָס האָט באַזונדערס געעקבערט דעם דאַרן, ביטערן הער פאַן פלוג. מען איז ניט געקומען ווייטער. די אויספאָרשונג האָט זיך פאַרהאַקט, דער דאָזיקער איד און אויסוואורף האָט פשוט חוזק געמאַכט פון אַלעמען. האָט ער געבעטן הער פאַן גאַמבערג צונויפצורופן אַ פלענאַרע זיצונג, ער וויל מאַכן א פאָרשלאַג.

זיינען זיך צונויפגעקומען, די צען מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, האָבן געוואַרט, וואָס וועט הער פאָן פלוג זאָגן. ער אבער איז געשטאַנען קאַנטיק שמאָל, מיט גייער-נאָז, דינע ליפן, מיט טרוקן געריקע, הארטע אויגן. האָט געזאָגט, מען האָט ביז איצט געפאָרשט נאָר אַף מאיעסטעט-פארברעכן, בגידה, מטבעות-פעל-

שונג; עס איז איצט געקומען די צייט צו זוכן די פארברעכנס, וואָס דער איד האָט אָפּגעטאָן אף אַן אנדער געביט, וואָס פאר זיי קומט טויט=שטראף. דער קרימינאל=געזעץ פון דער אימפעריע באַשטראָפט מיט טויט א אידן, וואָס געגענט לייבלעך צו א קריסטין. איז דאָך אָבער גאָר דער וועלט באוואוסט, אף וואסער חזירשן שטייגער דער באַשולדיקטער האָט דערפלאָרירט קריסטלעכע בתולות, אויסגענוצט פירנעמע דאמען און פּראסטע ווייבער. עס איז געקומען די צייט אויסצושפּרייטן די אויספארשונג אף אט דעם פונקט.

צעטומלט האָבן די הערן געשוויגן. דאָס איז געווען א פריקרער עסק. אז מען זאָל נעמען פאָרקען זיך דאָ, וואו קאָן מען דערלאנגען? ווען קאָן מען ניט קאָמפּראמיטירן, ווען מען זאָל זיך נעמען פאר דעם ענין? עס איז אוודאי געווען א מטשיקאווע זאַך, אריינצוקוקן הינטער פאַרהאנגען און קאָלדרעס, צו פאסמאקעווען זיך מיט דעם ווען און וואו און פריער און שפּעטער; שוין האָט אף די פּנימער פון איינציקע הערן זיך באוויזן א פאַרשעמט יצר=הרעלע. אבער לאָזן גאָר די רוימישע אומפעריע אריינקוקן אין אָט דעם זומפּ, מכח דעם האָט מען באַדארפט זיך גוט מיישב זיין. ווער האָט דאָס געקאָנט ווייסן, וויפיל משפחות זיינען דאָ אריינגעפלאנטערט, מיט וועמען מען האָט דאָס באדארפט ווערן שונאים אין משך פון אַזאַ אויספארשונג. עס איז געווען א פריקרער, זייער א פריקרער עסק.

זייער ווייט פון אָט די דאָזיקע השבונות האָט צולעצט געענטפערט יאהאן דניאל האַרפרעכט, אז ער האלט ניט, אז די דאָזיקע הויכע קאָמיסיע איז מחויב אַריינצושטעקן די נאז אינם דאָזיקן טינוף און חזיריי. עס איז אמת שטאַרק צו באדויערן, וואָס אזוי פיל קריסטלעכע בתולות און פרויען האָבן זיך פראסטיטואירט פאר אט דעם דאָזיקן אידן. אבער פאר אט די פלײשלעכע זינד פונם געוועזענעם פינאנס=דירעקטאר וואלט געווים קיינער, ניט דער הערצאג = אדמיניסטראטאר, ניט דער קאַבינעט און דער פארלאמענט, ניט באשטימט קיין באזונדער געריכט. די די דאָזיקע פארברעכן זים האָבן ניט געשטעלט אין סכנה ניט

דעם פירשט, ניט דאָס לאַנד. אויך איז יענער קרימינאַל־געזעץ, וואָס באַשטימט טויט פאַר דער לייבלעכער אויסמישונג פון איד און קריסט, אמת פאָרמאַל ניט אָפּגעשאַפן געוואָרן, פאַקטיש אָבער האָט מען אים זינט צוויי יאָרהונדערטער ניט אָנגעווענדט, און דעריבער איז ער אין דער פּראַקטיק ניט גילטיק. ווייטער באַדאַרף מען אַ קלאָרער טאָן, אַז לויט אַט דעם געזעץ ווערט פאַרמשפּט צו פאַרברענען ניט נאָר דער איד אַליין, נייערט אויך די געהעריקע קריסטינס וועלן אויך מוזן פאַרברענט ווערן. הייסט דאָס, אויב מען וויל זיך לאָזן גיין אין דער ריכטונג, באַדאַרף מען גוט אַ קלאָרער טאָן וואָס דערפון קאָן אַרויסקומען.

מיט קאַלטן פאַנאַטיזם האָט געענטפערט דער געהיימראַט פלוג, אַז ער באַדאַרף ניט זאָגן דעם קלוגן און שטרייגען הער, אַז זיי זיינען ניט געשטעלט געוואָרן, צו טרייבן דאָ פּאָליטיק, נייערט צו זוכן דאָס שטרייגע רעכט. דאָ גייט דאָס, ניט צו זיין פּאָליטיש קלוג, נייערט צו זיין גערעכט, אָן פּניות אַנטקעגן פּערזאָנען.

די איבעריקע האָבן בינתים געהאַט אַרומגעקלערט אַלע פאַר און קעגנס. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן, האָבן איינער באַם צווייטן געסטאַרעט זיך אַרויסצושלעפּן פאַר־באַהאַלטענע געדאַנקען, שטיל־שווייגעדיקן הסכם. זאָל מען אויס־שפּרייטן די אויספאָרשונג אויפן אידנס בעט־זינד, אָהאָ, פון וויפיל פרויען, פון וויפיל משפּחות וואָלט מען אַריינגעקראָגן אין די הענט דעם גוטן נאָמען און דעם גורל. מען האָט געוואוסט נע־מען, עם זיינען געווען גרויסע, ברייט פאַרצווייגטע משפּחות. מען האָט זיך דאָך געקאָנט באַגענוגן נאָר מיט דער אויספאָרשונג, דאָס איבעריקע האָט מען געקאָנט איבערלאָזן אויף דער איינזעעניש פונם הערצאָג־אַדמיניסטראַטאָר און דעם קאַבינעט. מען האָט אויך ניט באַדאַרפט אויספאָרשן אַלצדינג. מען האָט דאָך געהאַט ברייטע פולמאַכטן, מען האָט געקאָנט לויטן אייגענעם איינזען די צוציען, יענע אַרויסלאָזן פריי. בכל אופן האָט אַזאַ אויסשפּרייטונג פון דער אויספאָרשונג באַטייט פאַר איטלעכן איינציקן אַן אומגעהייערן צו־קום פון מאַכט, ווירכטיקייט, השפּעה. מען איז געהאַנגען איבערן

לאנד ווי א שווערער וואָלקן, אָנגעלאָדן מיט בליץ, מען האָט
געקאָנט טרעפן וועמען מען האָט געוואָלט און פאַרשווינען וועמען
מען האָט געוואָלט. און וויפיל וועט מען קריגן צו הערן סודות,
וואָס אין דעם מאָמענט באַדאַרף מען זיי ניט אויסנוצן, אָבער
שפּעטער אַ מאָל וועלן זיי קאָנען קומען צו ניץ. מען איז געווען
אַזוי מעכטיק און אומהיימלעך ווי אַ שפּאַניש אינקוויזיציע=געריכט,
ווי דער פאַרבאָרגענער ראַט פון דער רעפּובליק ווענעציע. דאָס
האָט געצויגן, דאָס האָט געצויגן, דאָס האָט געצויגן. וואָסערע
פאַרשלאָסענע, רמזדיקע פּנימער וועט מען קאָנען אָנשטעלן! ווי=
פיל וועלן דאָס זיך ארומדרייען ארום דיר הכנעהדיק, דערשראָקן,
פאַרציטערט אויסקוקנדיק, צו דו וועסט זיי כאַפּן אויף דער ווענט=
קע, צי דו וועסט זיי מיט חסד פאַרזען. און וויפיל וועט מען
דערגיין פּיקאַנטע מעשיות, וואָס מען וועט דערמיט קאָנען פאַר=
שאַפן פאַרגעניגן אַ גוטן פריינט, אַ ברודער, אַ פרוי אָדער גע=
ליבטע, און שפּעטער דערציילן דאָס אין אַ שיכורער מסיבה ווי אַ פריי=
לעכן אַנעקדאָט. אַ שטיל שמייכעלע איז אריבער איבערן גראָב פריינט=
לעכן פּנים פון געהיימראַט גאַיסבערג, די אינגערע מיטגלידער
האָבן אָפּגעלאָזט די שטרענגע מינעס, האַלב פאַרמאַכט די וויעס,
געפינטלט מיט די אויגן. באַשלאָסן האָט מען לויטן פאָרשלאָג
פון הער פאָן פלוג.

צוערשט האָט מען פאַרהערט זיסן איבער דעם פּונקט אין
אַ פלענאַר=זיצונג. די פּראָפעסאָרן האַרפּרעכט און שעפּל זיינען
צו דער זיצונג ניט געקומען. זיס איז געוואָרן שווער=גופיקער,
ווינציקער שטייף, דער רוקן געבויגענער. דער פּנים זיינער האָט
אויסגעוויזן ברייטער, די ברוינע אויגן האָבן מער ניט אַזוי ארויס=
געשטאַרצט, זיי זיינען געווען פאַמעלעכדיקער, מילדער. אין שטערן
איבער דער נאָז האָבן גענומען זיך איינקאַרבן קנייטשן. זיינע באַ=
וועגונגען זיינען געווען באַזאַכטער, עס איז ארום אים געווען אַ
מילדע, פקחותדיקע רו.

אַז מען האָט אים געפרעגט, צי האָט ער געהאַט פלייש=
לעכן פאַרקער מיט קריסטינס, האָט ער צוערשט אָנגעקוקט די
ריכטערס מיט חידוש. דעם געזעץ, וואָס באַשטראָפט מיט טויט

אַזאַ פאַרקער, האָט ער ניט געדיינקט, אַזוי לאַנג האָט מען אים ניט אָנגעווענדט אין דער פּראַקטיק. ער האָט געהאַלטן, אַז מיט דער פראַגע וויל מען זיך נאָר איזדעקעווען איבער אים, מען איז אויסן אים נאָר צו דערנידעריקן אף אַלע אופנים. האָט ניט געוואוסט, וואָס איז דער לעצטער מיין, האָט ער געשוויגן. האָט דער געהיימראַט פאָן נאַיסבערג גענומען מיט רוגזא טרייבן, ער זאָל ניט מאַכן קיין מיאוסע שטיק, נאָר אָן שהיות אָנרופן די נעמען פון די מענשער, וואָס ער האָט געשלאָפן מיט זיי. דער איד האָט די הערן אָנגעקוקט אופמערקזאַם, אַריבערגעגליטשט מיט וועגנדיקן בליק פון איינעם צום אַנדערן, האָט געזאָגט זאַכלעך, אָן שפּאָט, ער הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס מיט בגידה און מיט מטבעות=פעלשונג. שאַרף האָט אף אים אָנגעשריען הער פאָן פלוג, אַז דאָס איז זייער, די ריכטערס, עסק, זאָל ער זיין אידישע עזות איינצאַמען.

איז זים געשטאַנען, געשאָקלט מיטן קאָפּ, באַטראַכט זיך. איז אים איינגעפאַלן יענער אַרטיקל פונם קרימינאַל=געזעץ פון דער אימפּעריע, וואָס מען האָט זינט יאָרהונדערטער ניט געהאַלטן פאַר ערנסט, וואָס מען פלעגט אים אפשר אַמאָל ציטירן אף קאַטאָוועס. וואָס? מיטן דאָזיקן אַלטן, פאַרזשאַווערטן כּלי זין וויל מען דאָס אים קוילען, אַף אָט אַזאַ אידיאָטישן שטייגער זאָל ער דאָס שטאַרבן? מיט איין מאָל איז שוין ווידער געשטאַנען דער אַלטער, גלענצנדער זים. ער האָט זיך אָנגעשטייפט, האָט געשיקט האַסטיקע, פליענדיקע בליקן איבער די ריכטערס, האָט געזאָגט שלאַנק, מיט חוזק: „אַז איך האָב געשלאָפן מיט קריסטלעכע פרויען, לייקן איך ניט. אויב די הערן ווילן מיך פאַרמשפּטן דערפאַר צום טויט, איז די ברירה בא זיי. די גאַנצע רוימישע אימפּעריע וועט לאַכן, ניט איבער מיר”. זיינען די קאָמיסיע=לייט אַלע אופגעשפּרונגען, מיט אַ גוואַלד איבער זיין עזות, גענומען פילדערן, שרייען, זידלען זיך, זים אָבער איז געשטאַנען קאַלט, אומבאַוועגט. ער האָט געזען זיינע ריכטערס, די חיהשע, טריאומפירנדיקע שנאה, די מיאוסע, נידעריקע תאווה, די אכזריות, די אָנגעבלאָזענע פוסטע גאווה. די עזותדיקע, קאַלטע,

אויספּרעסערישע שפּיל, וואָס האָט געדאַרפט געטריבן ווערן מיט די פרויען. ער האָט געזען, ווי עס פאַלן אַראָפּ די מענטשלעכע מאַסקעס, אונטער זיי באַווייזן זיך די הוילע חיהשע גרימאַסן, וועלף, ווילדע חזירים. נאָר איידער זיין אָנגעשפּאַנטער כּעס איז אויסגעבראָכן, איז ער אים שוין גובר געווען, א רחמנות האָט אים אָנגעכאַפּט אַף אָט די נעבעכדיקע, די רשעותדיקע אַרום אים. מיטן אַלטן, מילדן, פּקחותדיקן שמייכל אַף די ליפּן, האָט ער געזאָגט: „די נעמען רוף איך ניט אָן. די הערן וועלן שוין אליין זיך מוזן מטריח זיין צונויפצוזוכן די דאַמען".

די ריכטערס, אפילו די גוטמוטיקערע און די וואָס זיינען ביז איצט געווען גוט צו אים, האָבן זיך איצט אָנגעצונדן פון כּעס. אַז דער איד קען פאַרשווייגן די נעמען, כּדי צו שוינען די פרויען, אַזאַ געדאַנק איז זיי גאָר אפילו ניט איינגעפאַלן. וואָרום עס האָט דאָך ניט געקאָנט געמאָלט זיין, אַז זיי, די גרויסע הארן, זאָלן זיך אויפפירן ווינציקער מעשה קאַוואַלער, ווי א איד. אַז דער איד זאָל זיין איידעלער, ווי אַ שטייגער א ווירטעמבערגישער געהיימראַט. ניין, דאָס איז געווען נאָר רשעות און פאַרביסנקייט פון א מנוול, א מין אידישע קמצנות. וואָס ער האָט זיי, די וואָס האָבן געהאַט דערויף א געזעצלעך רעכט, ניט פאַרגונען זייער חלק אין זיינע בעט-פאַרגעניגנס, וואָס ער האָט געוואָלט אויסבאַהאַלטן פאַר זיי די נעמען. מען האָט דאָס שוין געהאַט זיך אַזוי פיין אויסגעמאָלט, די סענסאַציע, דעם קיצל, דעם גאַנצן טאַראַראַם. און מיט א מאָל וויל דער דאָזיקער פון הוילער רשעות קאַליע מאַכן די גאַנצע שפּיל. מען וועט אָבער מיט דעם פּאַסקודניק פאַרטיק ווערן, מען וועט דעם דאָזיקן חזירשן אידן אויסלערנען דורך אַרץ פאַרן שוואַבישן געריכט.

מען האָט אים געהאַלטן שטרייינגער, מען האָט אים ארויסגענומען פון רשות פונם פריינטלעכן קאָמאַנדאַנט פון האָהענייפן. מען האָט אים אריבערגעפירט אין דער פעסטונג אַספּערג. דאָרט האָט רעגירט דער מאַיאָר גלאַזער, א מענטש א פעדאַנט, וואָס זיין אָטעם איז געווען דיסציפּלין. מען האָט זיסן איינגעשפּאַרט אין אן איינגער, פייכטער לאָך. דער טאָג איז דאָ געווען ניט קיין

סך אַנדערש ווי די נאכט. די קלײדער האָבן געשטונקען אין
דער נאסער, פֿארמוכלטער לופֿט, האָבן געפֿוילט אפֿן לײַב. ער
האָט ניט געקראָגן קײן געלעגער, די דיל איז געווען נאַקעט,
קאַלט, הויקערדיק נאַס. מען האָט אים געלאָזט אף ברויט און
וואַסער, אָף א סך שעהן געשמידט אין קײטן, הענט און פֿיס
געקרײַצט. דיקע, עקלדיקע שטשורעס זײַנען געקראָכן איבער זײַן
אויסגעקרימטן קערפּער, און ער האָט זײ ניט געקאָנט אָפּ-
טרײַבן.

זײַן קאַשטאַניען-ברוין האָר האָט אָפּגעבלאַקעוועט, זײַן ווײַכע,
בויגעוודיקע הויט האָט זיך געקנײטשט בלאַס, און גראָע, מיאוסע
שפּיציקע האָר זײַנען איצט געוואַקסן אף די פֿריער שטײפֿע,
גלאַטע באַקן. ער פֿלעגט אמאָל לאָזן הערן פֿון זיך אַנטקעגן
זײַנע אופּפּאַסערס בײזע רײד, קללות און זידלערײַען, פֿלעגט זיך
ניט לאָזן, ווען מען פֿלעגט אים פֿארשמידן אין קײטן; אָבער ווען
ער פֿלעגט זיצן אלײן, א פֿארהונגערטער, די גלידער אויסגע-
דרײט אין פּײַן, הוסטנדיק, פֿריערנדיק, דעמאָלט פֿלעגן די שלי-
סערס, וואָס האָבן ארײַנגעקוקט דורך א טיר-שפּאַלט, זען אָפּט-
מאָלס, ווי ער פֿלעגט מאָדנע צופֿרידן צושאָקלען מיטן קאָפּ, זײ
פֿלעגן אויך א מאָל הערן, ווי ער פֿלעגט רײדן צו זיך, עפּעס
אונטערברומען פֿאר זיך מיט מיאוסער שטים. טײלמאָלס פֿלעגט
אויסדוכטן, אזוי ווי ער וואָלט געשמועסט מיט עמיצן, געוואַרט
אף ענטפֿער, גערעדט אנטקעגן. אין דער קאַמער אָבער איז
קײנער ניט געווען, חוץ די שטשורעס. די שליסערס פֿלעגן דע-
מאָלט א שטופּ טאָן אײנער דעם אַנדערן, צושמײכלען, ארויס-
פּלאַצן מיט געלעכטער, אָנגעהײבן אים צו האַלטן פֿאר משוגע
און מטורף.

אָבער ער איז לחלוטין ניט געווען משוגע. עס איז געווען
אָט וואָס. ער האָט געהאַט שעהן אזוי פֿול מיט רו, אז ער איז
געווען פֿון יענער זײַט הונגער און פֿון יענער זײַט פֿראָסט און
פֿון יענער זײַט ציענדיקע, צופּנדיקע ווײטיקן פֿונם איבערגעוואַלד
פֿאַרדרײטן קערפּער. און דערנאָך איז מסתמא דאָס פּישטשען פֿון
די שטשורעס געוואָרן אפֿילו מגולגל אין א קלײנער, ליבלעכער

שטים, און ער האָט געריעדט און געקראָגן ענטפער און האָט געקאָנט גוט שמייכלען.

אַ פאַרעקשנטע מלחמה האָט זיך אָנגעהייבן איצט צווישן אים און דעם מאַיאָר גלאזער. דעם מאַיאָר האָט מען אָנגעזאָגט, אַז אַלץ שטייט אָף דעם, צו צווינגען דעם אידן אַרויסצוגעבן די ווייבער, וואָס ער האָט מיט זיי פאַרקערט; דעמאָלט וועט מען אים קאָנען אָפּמשפּטן אָף טויט, ווי עס געהער צו זיין, צוקוועטשן די דאָזיקע וואַנץ פאַר די אויגן פון גאָר דער וועלט. בכן פלעגט דער מאַיאָר פאַרהערן דעם אידן אַלע טאָג צווישן ניין און צען, זים האָט מודה געווען, אַז ער האָט אויסגענוצט הויכע און נידעריקע דאַמען. האָט דער מאַיאָר געזאָגט, דאָס איז ניט גענוג, ער מוז האָבן נעמען, זים: ער ווי אַן אָפיצער באַדאַרף דאָך פאַרשטיין, אַז ער וועט קיין מאָל און בשום אופן די נעמען ניט אָנרופן. דער מאַיאָר: וואָס עס געשיקט זיך פאַר אַ קרימטלעכן אָפיצער, פּאַסט ניט פאַר אַן עיפּושדיקן אידן, און האָט דעם פאַרעקשנטן אַלץ מער געפּייניקט.

זים האָט לחלוטין ניט געסטאַרעט זיך צו מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ העלד. נאָך פעריאָדן פון שמייכלענדיקן וויהור פלעגט אָף אים אָנפאַלן אַ צושטאַנד פון ווילדן כעס און געדריקטקייט. עס פלעגט אים אַ שטייגער אָנכאַפּן אַזאַ עקל איבער זיינע מיט חלשות שמעקעדיקע, פאַרמוכלטע קליידער, אַז ער פלעגט זיי אַראָפּוואַרפן פון זיך, אַרומלויפן אַ נאַקעטער; דער קאָמאַנדאַנט פלעגט אים צווינגען אָנצוטאָן די קליידער איבערגעוואַלד. איבער איטלעכער תנועה דעם געפאַנגענעמס פלעגט דער מאַיאָר פעדאַנטיש גענוי איבערגעבן דעם הער פאָן פלוג מיט פאַרביטערטער זאַכלעכקייט. ער האָט דערציילט, אַז היות כפי דער העברייער, די חיה רעה, האָט פונם שליסער האָפּמאַן ניט געקאָנט קריגן קיין סם, האָט ער זיך אָפּגעביסן די נעגל און אַראָפּגעשלונגען, וייל ער האָט געהאַלטן די נעגל-אָפּפאַלן פאַר גיפטיק. עס האָבן אַלע געקייכט פון געלעכטער איבער דעם טיפּש, אָדער, זינט פיר טעג האָט דער העברייער, די חיה רעה, ניט

געגעסן וואָס אַ גרייצער ווערט און אים געמאכט זאָרג, טאָמער ציט ער זיך אוים און פגרט אוועק. היינט נעמט ער ווידער שפּיז, אַזוי אז ער האָט ווידער האָפענונג, מען וועט אים קאָנען שיקן לעבּעדיקערהייט צו דער תּליה.

אין בּיטערער שוואכקייט פלעגט זים א מאָל אויך טענען, צי מען האָט ניט גענוג פון זיין פאַרמעגן, וואָס מען וויל אים נאָך אומבריינגען אף אַזאַ רציחהשן שטייגער. אַן אַנדערש מאָל האָט ער ארויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז מען קאָן זיך צו אים לחלוטין ניט צוטשעפּען, דאָס אלץ איז נאָר א נארישער פארס, ער גייט אין געוועט אף פופציק טויזנט גילדן, אַז אין גיכן גייט ער ארוים פריי. איין מאָל האָט ער, באַפוילן, געסמראַשעט, גע־גוואלדעוועט, מען זאָל אים תּיכּף פריי לאָזן, ער האָט דאָס רעכט צו פאָדערן, ער מוז קיין שטוטגארט, בכדי אַ קוק צו טאָן אף זיין בעל־הבּתישקייט; די שליסערס האָבּן זיך געהאלטן בּאַ די זייטן לאַכנדיק, דעם קאָמאנדאַנט האָט דאָס אלץ לחלוטין ניט געאַרט. ער פלעגט נאָר יעדער וואָרט איבּערגעבּן דעם הער פאָן פלוג, פארהערן דעם באַשולדיקטן אַלע טאָג צווישן ניין און צען אַזייגער. פלעגט פרעגן די נעמען פון די ווייבער, דערבּיי פלעגן אלע מאָל אויסקומען אייגע און די זעלביקע פראַגעס און ענט־פערס. פלעגט קאָנסטאַטירן די עקשנות פונם דאָזיקן מנוול און לאַנד־פאַרבּרעכער.

דערנאָך זיינען ווידער געקומען וואָכן, ווען זים איז געווען שטיל און בּארוט. פלעגט אין דער איינזאַמקייט פון זיין קאַמער ריידן צו די נאַסע ווענט און פארמוכלטער לופט. ער האָט גע־זען זיין פאָטער, ווי ער לייבּט און לעבּט. ער איז געשטאַנען אין דער קאַמער, אָנגעטאָן ווי א קאַפּוצינער. דער שלאַנקער, עלע־גאַנטער גוף פארפעטיקט און צעבּראָכן, אָבּער מיט שטילע, בּאַ־רוטע אויגן. און ער האָט גערעדט מיט אים און זיי זיינען געווען אין אלץ אייניק און ער איז געגאַנגען מיט אים האַנט אין האַנט, דער געפאלענער מיניסטער און דער געפאלענער מאַרשאַל, דער מאָנאַך דער בּעטלער און דער געפּייניקטער געפאַנגענער און זיינע

פּאַרעיפּושטע שמאַטעס, און זיי האָבן געשמייכלט איינער צום אנדערן און זיי זיינען געגאַנגען אין א גוטן געפיל אַהין און אַהער אין איינגען, פּייכטן חדר און די שטשורעס האָבן גע־שאַרשקעט איבער זייערע פּיס.

די האַרן פון דער קאָמיסיע אָבער האָבן דערוויל ווייטער געפּאַרשט, געלאָסן און זייער פּאַוואָליע, און זיי האָבן גענומען גרויסע טאָג־געלטער.

מאַריע אויגוסטע, די הערצאָגין, די אַלמנה, האָט גע־קראָגן אַזאַ חשק צו פּאָליטישע אינטריגעס, אַז זי האָט אפילו אָנגעהייבן אָפּצושטופּן איר טואַלעט צוליב דער פּאָליטיק. געפירט פון איר ווידוי־גייסטלעכן, דעם פּאַטאָר פלאָריאַן, און דעם ביב־ליאָטעקאַר פראַנץ יוסף האָפּאַן, איז זי זיך געזעסן ווי די פאַר־באָרגענע שפּינערין פון אָן א צאָל פּלאָנטערנישן, אינטריגעס, פּליאָטקעס, חנעוודיק און קאָקעט אין שטוטגאַרטער שלאָס אדער אַף איר פיינעם אַלמנה־שלאָס טיינאַך און האָט אָנגעטאָן צרות דעם הערצאָג קאַרל רודאָלף. דער יונגער קעציש זאַנפטער, ליי־טעראַרישער, מאָדיש געקליידטער ביבליאָטעקאַר פלעגט אָנצייכע־נען די פּראָיעקטן, פאַנטאַזירנדיק בא זיין שרייב־טיש. דער פאַר־ביסענער פּאַטער פלאָריאַן, דער קאַפּוצינער, האָט געזוכט זיי אויסצופירן, און מאַריע אויגוסטע פלעגט זיך אַלץ אריינמישן מיט בלינדער, חנעוודיקער בריהשאַפט און פלעגט כסדר קאַליע מאַכן. דער געדרייטער, געציקלטער, פיינער ביבליאָטעקאַר איז זיך פאַר־גאַנגען אין התפּעלותדיקער באַוואונדערונג פון דער הערצאָגין, ער האָט געזונגען איר לויב אין אָן א צאָל מאָדישע שירים, האָט זי צוגעגליכן צו אַל דאָס שיינס צווישן הימל און ערד, האָט געשריבן אויך א גוואַלדיק לאַנגען ראָמאַן וואו זי האָט געוועלטיקט איבער דער ערד ווי סעמיראַמיס, קלוג און העלדיש און פול מיט אַלע גוטע מידות און שיין ווי זיבן זונען. זי האָט מיט פאַרגעניגן געטוקט זיך אין זיין באַריידעוודיקער און עלע־גאַנטער פאַרערונג, זי האָט אפילו פאַוואַליע איבערגענומען א סך פון זיין לשון און פון זיינע תנועות. עס איז געווען ניט גאָר קלאָר, צי איז זי אים פרעמד, ווייל ער מאַכט איר פּאָלי־טיק, אדער זי האָט געמאַכט פּאָליטיק, ווייל ער איז געווען פרעמד. דאָס האָט זיך געפּלאָנטערט איינס אין צווייטן.

דעם קאַרגן, זאַבלעכן, סאָלדאַטישן הערצאָג־אַדמיניסטרא־טאָר האָט עס געאַרט, וואָס ער מוז כסדר פּטרן אומזיסט צייט, בכדי איבערצוהאַקן אירע נאַרישע אינטריגעס. האָט ער באַשלאָסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל פּטור צו ווערן פון דער דאָזיקער דער־עסענער פּליאָטקע־מאַכערין. אומעטום אין לאַנד האָט זיך פּלוי־

צים פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די הערצאָגין די אלמנה האָט פאָרט בדעה דורכצופירן איבער געוואַלד די פּראָיעקטן פון איר גליקלעך באַזייטיקטן מאַן, אַז זי האָט שוין געמאַכט הכנות. איבערצומאַכן די טײַנאַכער קירך פאַר דעם קאַטוילישן קולט. די שפּיץ פאַלשקייט איז געלעגן דערין, וואָס די הערצאָגין האָט פאַרקניפּט טויזנט אַנדערע עסקים, און גראַד אין דער זאַך איז קיין וואָר וואָרט ניט געווען. עס איז געווען אומגעלומפּערטע איראָניע צו ברײַנגען איר די מפּלה גראַד פון דעם. בכל אופן דאָס פאָלק האָט געגלויבט די דאָזיקע קלאַנגען. ווילדע רייד, פלוג-בלעטער, ווען זי פלעגט פאַרבײַפאָרן אין גאַס. אין געווען שטיל, מען האָט אָפּ להכעיס ניט געוואָלט זי באַגריסן. אַז די פּאָליציי האָט זיך אַרײַנגעמישט, אַרעסטירט עטלעכע, וואָס האָבן ניט געגריסט, האָבן גענומען די גאַסן ליידיק ווערן, בעת עס פלעגט זיך באַווײַזן דער הערצאָגינס קאַראַט, האַסטיק פלעגן אַלע פאַרשוואונדן ווערן אין די הײַזער. אין די זײַטיקע גאַסן, בכדי זיי זאָלן ניט באַדאַרפן זי באַגריסן. מאַריע אויגוסטע האָט דאָס ניט געקאָנט איבערטראָגן. פּאַטער פלאָריאַן און דער פײַנער ביליאָטעקאַר פלעגן פאַרטיילן גרויסע סומעס, בכדי אויסצושטעלן אין גאַס, וואו זי האָט געדאַרפט דורכפאָרן, הוראַ-רופערס. זי האָט אָבער באַמערקט, אַז די באַגריסונג איז אַ געקויפטע און האָט געליטן אין צווייען. האָט פּאַטער פלאַריאַן געמוזט שרײַבן צום הערצאָג-אַדמיניסטראַטאָר. אונטערשטרײַכן מיט צאָרן די ווײַסע אומשולד פון מאַריע אויגוסטע דער עיקר אין טײַנאַכער עסק, שענדן מיט שאַרפע ווערטער דעם עזותדיקן אופּפיר פון דער באַפעלקערונג, פאָדערן שטרענג און שטאָלץ ער זאָל מאַכן אָרדענונג. קאַרל רודאָלף האָט ניט געענטפערט. אַ צעקאָכטע איז מאַריע אויגוסטע אַוועק צו אים. האָט ער געזאָגט, ער האָט קיין צײַט ניט צו ענטפערן אויף בריוו פון מאַנאַכן. פּאַטער פלאַריאַן האָט לויט דעם מנהג פון זײַן אָרדן זיך אונטערגעחתמעט אומווערדיקער קאַפּוצינער. „זאָל איך ענטפערן אַ מענטשן, האָט קאַרל רודאָלף געפרעגט פאַרקרימט, פּראָסט און גראָב, „וואָס איז אפילו ניט ראוי צו זײַן אַ קאַפּוצינער?"

איבעריקנס, האָט ער געענדיקט, קאָן ער באַפעלן די אונטער־טאַנען, זיי זאָלן ניט זיין חוצפּהדיק אַנטקעגן דער הערצאָגין, ער קאָן זיי אָבער ניט צווינגען ארויסצווייזן זייער ליבשאַפט און פרייד. גיט ער איר דורכלויכט די קאָלעגיאַלע עצה, זי זאָל זיך אופפירן געניי אזוי ווי ער, דעמאָלט וועלן די אונטערטאַנען זי באַגריסן מיט געהעריקן כבוד אויך און א באַזונדער באַפעל און געווים אויך אָן געצאָלט.

נאָך אָט דער דערנידערונג האָט די הערצאָגין באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס נאַרישע, אומדאַנקבאַרע שוואַבן־לאַנד, צו האַלטן הויף אין בריסל, רעגנסבורג, ווין און ברוגז אָפּצוואַרטן ביז מען וועט זי רופן צוריק.

זי האָט זיך געזעגנט מיט מאַגדאַלען סיבילע. די פרוי עקספּעדיציע־ראַט מאַגדאַלען סיבילע ריגער איז געזעסן עי״נסט און בעל־הבתיש פאַר דער הערצאָגין וואָס האָט זיך געחנדעלט, ניט אופגעהערט צו פּלאַפּלען, געוואָרפן אייגלעך; געוועקט מחמת דער פאַרשטייענדיקער נסיעה, האָט זי געהאַט דאָס אויסזען פון טאָפּלט יונג און קונדסיש־שטיפעריש. מאַגדאַלען סיבילע איז גע־זעסן ברייט און גרויס, זי האָט געטראָגן א קינד, א קליינעם ריגער. זי האָט מיטגעבראַכט פאַר דער פריינדין א פעדאַנטישן הילצערן ערלעכן געזעגן־שיר, מאַריע אויגוסטע האָט אים אויסגע־הערט מיט דער פאַסיקער רירונג און דאַנקבאַרקייט. דערנאָך אָבער האָט זי מיט פאַרגעניגן אַראָפּגעוואָרפן גאָר די ערנסטקייט, גענומען חוזק מאַכן פון די שוואַבן, די שוטים, די גולמים, וואָס איצט וועט זי זיי, גאָט צו דאַנקען, מער ניט אַנקוקן; פון דעם פאַרקרימטן, פאַרגרעבטן חמורישן קאַרל רודאָלף, פון יאָהאַן יעקב מאָזער, דעם פייערדיקן, קאָמישן רעטאָר, פון גאָר דעם גראַבן, ניט געשליפענעם פּעוול. נאָר איין זאַך איז א שאָד: וואָס זי האָט געמוזט לאָזן זיצן א געפאַנגענעם אפן אַספּערג דעם גע־טרייען, גוטן, שטאַרקן רעמכינגען, און, אָך! אויך איר פיינעם, אַמיזאַנטן, גאַלאַנטן הויז־איד. אים פייניקן זיי און שמידן אים קרום אין קייטן, און זי, מאַריע אויגוסטע, קאָן גאָרנישט ניט טאָן פאַר אים. ווארום — און זי האָט אָנגעשטעלט איר וויכטיקסטן

פנים — דאָס וואלט זי געמאכט אזוי אומפאפולער און דאָס וואלט איר ליבער ביבליאָטעקאַר קיין מאָל ניט דערלויבט איבער פּאָליטישע טעמים. נו יאָ, מסתמא האָט טאַקע דער איד געקוילעט קינדער און געמאַכט גאָט ווייס וואָסערע שווארצע קונצן. אָבער ער איז געווען אַ גאַלאַנטער, גוט געוואַקסענער מאנסביל און זיכער דער אַמיזאַנסטער אין אָט דער לאַנגווייליקער שטוטגאַרט, און עס איז בכל אופן א רחמנות, דאָס אָט די אומגעלומפּערטע גראָבע יונגען פייניקן אים און מאַכן אים פאר א קאַליקע. „אַ שאָד, א שאָד!" האָט זי געמאכט מיט פארשפּיצטע ליפּן, אזוי ווי עס פלעגט טאָן איר פיינער ביבליאָטעקאַר.

אַ האַלבע מינוט איז געווען שווייגן צווישן די פרויען. ביידע האָבן געטראכט וועגן זיסן. מאַריע אויגוסטע האָט געזען זיינע הייסע, פליענדיקע אויגן, די דרינגלעכע איבערגעבנקייט פון זיינע בליקן, זיין אריינפילנדיקע, קיצלדיקע, עזותדיקע גאַלאַנטקייט. און זי האָט זיך גרינג געצויגן און געשמייכלט פון אָנגענעמען געפיל. מאַגדאַלען סיבילע איז געזעסן גאר שטיל, די גרויסע שיינע פרויאישע הענט אין שויס. אין וואלד פון הירזאו האָט זי אים באגעגנט, דאָרט איז געווען דער טייוול; דערנאָך אין שטוטגאַרט האָט ער זי ניט גענומען, נאָר זי צוגעווארפן דער חיה רעה, דעם הערצאָג; דערנאָך האָט ער פאר איר אויסגעשפּרייט יענעם חלום פון מאַכט און טומל און זי גענומען; דערנאָך איז ער געוואָרן פרעמד און אנדערש און פאַרהאַרטעוועט און איז געווען העפלעך צו איר. און איצט איז ער געזעסן אפן אספּערג און זיי פייניקן און ברעכן אים אויס די גלידער. זי האט אבער געטראָגן א קינד. ער וועט מסתמא ווערן אַ בראַוו קינד, וואָרום עס שטאַמט פון א בראַוון מאן, וואָס פארערט זי אן א גרענעץ. עס וועט אויסוואַקסן אין די באַרוטע, רחבותדיקע חדרים פון ווירטינגנהיים און אף לאָנקעס מיט געכאָוועטע בהמות און צווישן אויבס-בוימער. אפן אַספּערג וועט ער קיין מאָל ניט זיין. און אויך דעם טייוול וועט ער מסתמא קיין מאל ניט באגעגענען. אפשר וועט ער דערפאר מאכן פערזן, בראַווע, ערלעכע פערזן.

וואס וועלן איטלעכן יוואויל באקומען און טייל דערהויבן און טרייסטן, אָבער דעם טייוול וועט ער מסתמא קיין מאָל ניט באגעגענען.

מאַריע אויגוסטע האָט איבערגעריסן דאָס אָנגעפילטע שווייגן. זי זאָל דאָס נאָר ניט פאַרגעסן, האָט זי געזאָגט מיט א קליינעם, קונדסישן שמייכל, זי האָט א געזעגן־מתנה פאַר איר ליבער מאַג־דאלען סיבילע, איר האַרציקער פריינדין, אַ גוט־אָפּגעקליבענע מתנה, איינע אין א וועלט. דאָס איז א זאך פאר איר שווערער שעה, האָט זי געשעפּטשעט סודותדיק, צוגערוקט זיך גאָר נאָענט צו איר, געגלעט די גרויסע פרוי. איר גופא האָט דאָס געהאָלפן. וואָס עס איז בא איר צוגעגאנגען אזוי גרינג און וואָס זי איז געבליבן יונג און ניט צעקאלעטשעט. האָט זי צו פארדאנקען נאָר דעם דאָזיקן, און איצט וויל זי מיט דעם מכבד זיין איר ליבע פריינדין ווי א מתנה. זי גופא, הגם זי האָט ניט בדעה אוועקצוגיין אין א קלויסטער, וועט קוים באדארפן האָבן ווען עס איז די סגולה. און מיט א זיסער, קונדסישער, געקינצלטער תנועה האָט זי ארויסגענומען די קמיע, דאָס שקעטעלע דעם אידנס, וואָס ער איז איצט געזעסן אין פייכטער, עיפּושדיקער קאמער, געשמידט אָן אויסגעקרימטער אין קייטן. דעם שטיקל פּאַרמעט מיט די רויטע, קאנטיקע, העברייאישע אותיות, מיטן נאמען פון די מלאכים סני, סנסני און סמנגלוף, מיט די שרעקעדיקע אויס־טערלישע פיגורן צווישן זיי, מיט די קאָמיש און סטראשענדיק איינגעהויקערטע פויגלען. מיט געלעכטערל האָט זי דערציילט, ווי אזוי זי האָט געקראָגן דאָס שקעטעלע פון זיסן, און די קליי־נע, ניט־אָנשטענדיקע מעשהלע פון לילית, דער ערשטער פרוי פון אדמען, וואָס האָט מיט איר ניט געוואָלט וואוינען, ווי איר איז געווען ניחא. מאַגדאַלען סיבילע האָט אויסגעשטרעקט די האנט נאָך דער קמיע, זי ווידער אראָפּגעלאָזט און האָט דאָס סוף כל סוף צוגענומען, אומזיכער, מיט א לייכטער שרעק.

דערנאָך האָט מאריע אויגוסטע פארלאָזן שטוטגארט. זי איז אָפּגעפאָרן מיט א גרויסער סוויטע, נאָענט ארום איר דער פּאַטער פלאָריאַן און דער זאַנפטער ביבליאָטעקאַר, אין א מאָדישער

דייזע=קליידונג. אין אָן א צאָל וואָגנס איז אָפּגעשיקט געוואָרן דער רייזיקער אַפּאַראַט פון איר גאַרדעראָב. די גאַס איז געווען באַזוימט פון קוקערס. איצט, אַז די הערצאָגין איז אָפּגעפאָרן, איז מען געווען גוט געשטימט, געמאַכט גוטמוטיקע וויצן. אירע קאָ-סירערס און צדקה=טיילערס האָבן קיין נדבות ניט געזשאַלעוועט, די הורא=רופן האָבן געקלונגען כמעט ווי פון האַרצן אַרויס.

אויך יאָהאַן יעקב מאָזער איז געשטאַנען בא איר וועג, באַגלייט פון זיין פרוי. ער איז געווען גערירט. „אָט גייט זי אַוועק", האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי. „זי מיינט, אַז זי וועט ניט קאָנען לאַנג בייִשטיין דעם נסיון, אַנטלויפט בעסער פון לאַנד. גרויסער גאָט, איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיך גע-מאַכט שטאַרק און באַהערשט און האָסט איינגעצאַמט מיין בלוט".

און ער האָט פעסט געדריקט די האַנט פון זיין ווייב.

אַז איר קאַראָט איז געווען פאַרטיק, האָט זיך באַוויזן א פאַרקרימטער, א קליינער, א נעבעכדיקער דער הערצאָג=אַדמיני-סטראַטאָר, זיך געזעגענען. „איך האָב געמיינט", האָט ער פאַר זיך שטילערהייט אונטערגעשמייכלט. „אַז איך וועל מוזן א טייוול אַרויסטרייבן; איצט אָבער קוואָכטשעט מיר א גאַנז אַרויס פון שטוב". און מאַריע אויגוסטע האָט געטראַכט מיט חוזק: „וואָס דאָ בלייבט איצט, איז ווערט אײנס דאָס אַנדערע: אַן אייזל רייבט זיך אָן אַן אייזל". און אונטער דעם רייזיקן, שוואַרצן הוט האָט דער צאַרטער, פאַסטעל=פאַרבענער פנים צוגעשאָקלט מיט ליבנס-ווירדיקן חוזק דעם אַלטן זעלנער, וואָס האָט צוגעקלאַפּט דאָס טירל פון קאַראָט, באַגריסט מיליטעריש, צוגעשמייכלט העפלעך, גאָר ניט לויט געוויינהייט.

די אויספאָרש־קאָמיסיע האָט ניט געקוקט אף אַלע עינויים ארויסגעקראָגן פון זיסן נישט מער ווי די אַלגעמיינע הודאָה, יאָ, ער האָט פארקערט מיט קריסטינס. האָט מען גערופן לאַקייען, שטוב־מיידלעך, אויסגעפרעגט זיי מיט ענויים נאָך איטלעכן קלענסטן פרט. אייניקע האָבן געהאט ארייגעקוקט דורכן שליסל־לאָך, אנדערע האָבן געהערט געשרייען, קוויטשערייען, תאווהדיק קרעכצן. דאָס אַלץ, ווען, וואו, ווי לאַנג איז געוואָרן געוואויגן, ארומגערעדט, צעקייט, פארצייכנט אין די פאפירן. ליילעכער, העמדער, נאכטטעפ האָט מען באשמעקט, אריינגעטראָגן דעם רעזולטאט אין פראָטאָקאָלן. אזוי איז מען ביסלעכווייז געקומען צו א לאַנגען רייסטער פון פרויען, הויכע און נידעריקע, פרייע און חתונה געהאטע. זיי אַלע האָבן די געריקע ריכטערס אָן רחמנות אויסגעפאָרשט בהרחבה נאָך אַלע פרטים, ווען, ווי אָפט, ווי לאַנג, אף וואָסער אופן דער איד איז מיט זיי געווען. דאָס איז דערנאָך פארצייכנט געוואָרן, שוואַרץ אף ווייס, אין דריי קאָפיעס, בכדי עס זאָל בלייבן, ווי א מלוכה־אַקט, אין ארכיוו.

דאָס געריכט האָט באַפוילן אויך די דאַמען גענץ צו קומען. ווידער א מאָל איז דער יונגער געהיימראט גענץ געווען שטאַרק צעטראָגן. ער האָט געהאַלטן פאר גוט, אוועקצושיקן אף א שטיקל צייט די מוטער און שוועסטער אף זיין מאַיאָנטעק בא היילבראָן. זיי וואָלטן פשוט געקאָנט אוועקגיין אין דער אימפעריע־שטאָט היילבראָן, דעמאָלט וואָלטן זיי געווען פריי פון דער הערצאָגלעכער יורידיקציע; אָבער דעמאָלט וואָלט ער געמוזט זיך אָפזאָגן פון זיינע שטעלעס. אָדער זיי האָבן באַדאַרפט זיך שטעלן צום געריכט; דעמאָלט האָט מען באַדאַרפט, איידער עמיצער דערוועגט זיך אף זיי קרום א קוק צו טאָן, אָנשטעלן אף אים די אויגן דרייסט און סטראַשענדיק, אז יענעם זאָל פארגיין דער חשק צו טרייבן קאַטאָוועס. דאָס איז געווען שווער, דאָס האָט געקאָנט אויסמאַטערן, וואָרום מען האָט אזוי באַדאַרפט אָנקוקן א פולע, כמעט אַלעמען. ער איז אָבער געווען פול מוט און האָט זיך באַשלאָסן אָפן לעצטן.

אין איין שטראַלנדיקן זומער־טאָג האָבן די דאַמען ער־

שײנט פאַר די ריכטערס. האָבן די לײַט זיך פאַרגונען די פּיקאַנט=
קײט פריער צו פאַרהערן די מוטער, דערנאָך די טאָכטער. זײ
האָבן קױם מיט צרות אױסבאַהאַלטן הינטער די שטרײנג ערנסטע
ריכטער=מאַסקעס די שפּאַנונג, זשעדנעקײט, תאװהדיקע הנאה.
עליזאַבעט סאַלאָמעאַ, װאָס האָט געהאַט געשטאַרקט די פּאַסטעל=
פאַרבענע ליבלעכקײט פון בלאָנדן פּנים מיט די געיאָגטע גראָ=
בלױע אױגן דורך אַ שװאַרצער, פּשוטער קלײד, איז געשטאַנען אַ
צעטומלטע און ציטערנדיקע. מאָדנע איז געװען, װאָס זי האָט
קײן שום אַנדער צירונג ניט געטראָגן, נאָר דעם רינג מיטן גן=
עדן=אױג, הגם דער ברודער האָט איר דאָס בפירוש געהאַט פאַר=
באָטן. די בליקן פון די ריכטערס האָבן זיך ניט געקאָנט אָפּרײַסן
פון שטײן. זי האָט זיך געצאַפּלט אונטער דער אָן=רחמנותדיקער
זאַכלעכקײט, װאָס מיט איר האָבן די הערן פון דער קאָמיסיע,
טאָפּלט געערכט באַ זיך דורכן אופרײַצנדיק טײערן שטײן, גע=
שטעלט זײערע נײַגעריקע, ניבול=פּהדיקע פראַגעס. ציטערנדיק פאַר
קעלט, ניט געקוקט אַף דער בלישטשעדיקער זומערדיקער זון האָט
זי זיך געקרימט אין פּײַן אונטער דער ברוטאַלער דײַטלעכקײט
פון די דאָזיקע פראַגעס, װאָס אַ סך פון זײ האָט זי סתם ניט
פאַרשטאַנען, האָט זיך געקאָרטשעט, געצוקט מיטן קאָפּ, בכדי
אױסצומײַדן אומפאַרשעמטע בליקן, געבױגן און געשטרעקט אין
קראַמף די שמאָלע, בײנערדיקע פינגער. אירע ענטפערס זײַנען
אַרױסגעקומען שטיל, פון געװאָרגענער קעל אַרױס, טײל ניט צו
הערן; האָט מען זיך ניט צופרידן געשטעלט, האָט זי זײ געמוזט
איבערחזרן, דער שװערהעריקער רעגירונגס=ראַט יעגער האָט גע=
מאַכט: „װי? װי?" און האָט פאַרלאַנגט עטלעכע זאַכן דרײַ מאָל.
מיט די זעלביקע פּרטים האָט מען אַרומגעשמועסט איר עסק מיטן
הערצאָג. קודם כּל האָט דער געהײמראַט פלוג ניט אָפּגעלאָזן,
ער האָט געװאָלט דערפון, װאָס דער איד האָט אַרױסגעכאַפּט
דעם ביכן באַם הערצאָג, אױסבױען אַ מאַיעסטעט=פאַרברעכן. אַזױ
האָט זי זיך געקרימט, יונג, בלאָנד, ליבלעך, באַ דעם אומ=
געזעענעם שאַנד=סלופּ. און קײנער האָט זי ניט געשױנט. אַלע
זײַנען זײ צו איר צוגעשטאַנען. אַלע האָבן זי געטריבן: אױבן=אָן

דער ראַרער, גאוהדיקער, שאַרפער הער פאָן פלוג, וואָס האָט, פול שנאה און מיט א געפיל פון עקל אזוי ווי פון עיפוש, אָבער אַמאָל און ווידער אַמאָל געפרעגט, צי עס האָט זי ניט אָפּגעשטויסן דער ריח פונם אירן; דערנאָך די רעגירונגס=ראַטן פאַבער, רענץ, יעגער, דאַן, די שטרעבערישע, קאַריערע=זוכערישע באַאמטע אין די מיטעלע יאָרן, וואָס האָבן קוים דערלעבט אַרײַנצוקריגן אַמאָל אַן אינטערעסאַנטן ענין, האָבן, געקיצלטע, געוואָלט וויסן אַלע נײַע פּרטים, צוערשט מעשה פײַנשמעקערס אַרומטאַפּנדיק פון אַרום, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט זיך שפּיגלען, דערנאָך גראָב אײַנדרײַטיק; די סעקרעטאַרן, דער אַסעסאָר באַרדילי, דער אַקטואַריוס גאַבלער, וואָס האָבן מיט מיאוסער גאַלאַנטקייט און מיט יענעם באַזונדערן טאָן, ווי מאַנסביל, וואָס ווילן באַווײַזן דעמאָנסטראַטיוו זייער גוטמוטיקייט אַנטקעגן א זונה, געסטאַרעט זיך פאַרענטפערן זי, אַרויסגעפינען מילדערנדיקע אויסריידן; דער פרעזידענט, דער געהיימראַט גאַיסבערג, וואָס איז אָנגעפאַלן אַף איר מיט קולות און זידלערייען, זי זאָל ניט מאַכן דעם אָנשטעל, ווי זי קאָן קיין צוויי ניט ציילן, זי האָט דאָך דאָס געטאָן און פאַרזוכט דעם טעם, זאָל זי איצט ניט פלאַנכען און מאַכן פאַרשעמטע העוויות, ווי א צוועלף=יאָריק בתולהכן, נאָר זאָל זי אויפעפענען דעם מויל, צו אַלדי שוואַרצע יאָר; האָט זי דאָך געקאָנט עפענען אויך אַנדערע זאַכן. סוף כל סוף איז זי געלעגן מיט ציטערנדיקע גלידער און קלאַפּנדיקע שלייפן, א האַלב טויטע פאַר חרפה און אויסגעמאַטערטקייט, אין א פאַרטונקלטן חדר פון איר הויז; איר ברודער איז אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב דעקלאַמירנדיק ברוגז, זײַנע ווערטער האָבן זי געפּײַניקט, הגם זיי זײַנען נאָר דערגאַנגען איר ביז צום אויער, נאָר פאַרשטאַנען האָט זי זיי ניט.

הגם די מיטגלידער פון דער אויספאָרש=קאָמיסיע האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל פון סודותדיק=פאַרשוויגן און האָבן כלומרשט גאָרנישט געוואָלט דערציילן, זײַנען דאָך א סך פּרטים פון אַט די פאַרהערן אַרײַנגעדרונגען אין שטאָט, אין לאַנד אַרײַן. ווידער אַמאָל איז דאָס הויז אַף דער זיי=גאַס, די פאַראַד=בעט, די לעדאַ

מיטן שוואן געווען באַ אַלעמען אין געדאַנק. עס זיינען באַוואוסט געוואָרן די נעמען פון די פרויען, זיי האָבן זיך ניט געקאָנט אויסבאַהאלטן, מען האָט זיי געדורפט. מען פלעגט זיי נאָכרופן קוטיקע זידל=ווערטער, מען האָט געשפיען אף זיי, מען האָט זיי די האָר אָפּגעשניטן. אויך אַנדערע פּרטים זיינען אריינגעדרונגען. אַ כוואַליע פון תאווהדיקייט האָט אַ פלייץ געטאָן פון זיס' לאַנג פאַרגאַנגענע נעכט ארויס איבערן הערצאָגטום. די מאַנסביל האָבן געשאָטן מיט ניבול=פה אין די שיינקען, די קעלנערינס האָבן קוים געקאָנט אָפּשלאָגן זייערע גראָבע צערטלעכקייטן, זונות האָבן געמאַכט גוטע געשעפטן. די פרויען און יונגע מיידלעך פלעגן שטיל אונטערכיכיקען, מאַכן גרויסע אויגן פון שרעק, באַ אַ סך זיינען די מינעס געוואָרן טרוקן קנאַהדיק, ביטער. אַנדערע האָבן געאָטעמט שווערער, די גלידער זיינען געוואָרן אָפּגעלאָזן. אַן ענגלישער קאָלעקציאָנער האָט פאָרגעלייגט אָפּצוקויפן דעם אידנס אזוי פיל באַרעדטע, פאַראַד=בעט פאַר אַן אומגעהייער גרויסער סומע.

נאַטירלעך האָט אויך דער יונגער מיכאל קאָפּנהייפער געהערט מכה דער שאַנד פון דער דעמואזעל עליזאַבעט סאַלאָמעאַ געץ, מחמת דער מצב האָט זיך אומגעביטן, האָט דער יונגער מאַן געקאָנט זיך אומקערן צוריק קיין שטוטגאַרט. אין דער פאַרשיקונג איז ער געוואָרן מענלעכער, ער האָט געהאט געליטן פאַר זיין איבערצייגונג, האָט געהאט דעם שם פון אַ מאַרטירער. פאַר אַ סך פון די יונגע איז ער געווען דער פירער און אידעאַל. אפשר האָט דער אָדער יענער פון זיינע חברים געוואוסט, אז ער איז געווען פאַראינטערעסירט מיט דער דעמואַזעל געץ, אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיי געהאט פאַר דער דאָזיקער מיידל געניג שטאַרקע ווערטער פון שפּאָט און פאַראַכטונג, זיי האָבן געקלערט, ווי אזוי צו באַשטראָפן זי אף אַלע מאָל, לכל הפחות דורך עפּעס אַ שטאַרקן סימבאָל פון זייער פאַרביטערונג און חוזק. קיינער האָט ניט געהאַלטן פאַר מעגלעך, אַז די צונייגונג פון מיכאל קאָפּנהייפער, דעם יונגען, פעסטן, מאָראַלישן דעמאָקראַט,

וועט קאָנען באַשטיין אַנטקעגן אַזאַ חרפּה. מיכאל קאָפּנהייפּער האָט טאַקע קיין איין וואָרט ניט געזאָגט אַף זי צו פאַרטיידיקן, אָבער אויך ניט קיין זידל-וואָרט, ווי די איבעריקע האָבן זיך גערעכט. ער האָט געשוויגן. ער האָט געליטן. ער איז דורכאויס ניט געווען נוטה, מוחל צו זיין ווי א שוואך מענטשל. ער האָט אָבער געזען דעם לומערן, ליכטיקן פּנים, די בלאַסע האָר און האָט געשוויגן. ער האָט געבעטן דעם פעטער האַרפּרעכט די אַקטן. פאַרן אַלטן האָט זיך אָנגעהייבן א גוטע צייט, ווי דער יונגער איז געקומען צוריק. ביכער, רעכט. דעמאָקראַטיע. פּאַטערלאַנד, וואָס אין דעם און פאַר דעם האָט ער געלעבט, איז איצט געווען לעבעדיק, געזעסן און געאָטעמט פאַר אים אין אָט דעם יונגען מאַן מיט די ברוינלעך דרייסטע באַקן און די שטאַרק בלאָע אויגן. אַז די מעשה מיט דער דעמוּאַזעל געץ האָט גענומען ביסלעכווייז אַריינדרינגען אין שטאָט, האָט דער אַלטער גענומען קוקן אומרואיק אַפן בחורס אופפיר, ער האָט געוואוסט, אַז ער איז שווער בלוטיק און זיין עסק מיט עליזאַבעט סאַלאָמעא קאָן ניט אויסגעהיילט ווערן פון היינט אַף מאָרגן. ער האָט געזען דעם אָנגעשטריינגטן, איבער געוואַלד גלייכגילטיקן פּנים דעם בחורס, האָט זיך באַקלערט, האָט אים געגעבן די אַקטן. מיכאל האָט גענומען לייענען, לאַנג האָט ער ניט געקאָנט. רויטער גרימצאָרן איז אין אים אויפגעגאַנגען אַף דעם הערצאָג, אַף דעם אידן, אַף די ריכטערס, אַף די דאָזיקע מענטשן. פון דעם פּראָטאָקאָל איז געווען מער ווי קלאָר, אַז קיין סך געוואַלד האָט זיס ניט באַדאַרפט אָנווענדן. אָבער מיכאל האָט געוואָלט האָבן, אַז דאָס מיידל איז געוואָרן פאַרגעוואַלדיקט. האָט ער זי געזען פאַרגעוואַלדיקט. ער האָט זי געזען ליכטיק, צאַרט, ליבלעך פאַר די גראָבע, בעל-גופיקע ריכטערס. ער האָט זי ניט געקאָנט העלפן. עס איז מסתמא געווען סאַנטימענטאַל, אָבער דאָס הארץ איז אים אויפגעגאַנגען הויך, ווען ער האָט געטראַכט וועגן איר, ער האָט זי ניט געקאָנט אַרויסרייסן און שפּאַנען ווייטער מיט פעסטע מענערשע טריט. ער האָט זיך געראַנגלט מיט זיך; אַז דער אַלטער האַרפּרעכט פלעגט אים שטעלן זאַנפטע, רמזדיקע פראַגעס,

פלעגט ער פארקערעווען. ער האָט צונויפגעזוכט אלצדינג, וואָס ער האָט געהערט דרייסטס, פריוואַטישטיקס מכּח דעם, אַז צניעות האָט קיין באַטייט ניט, אָבער דאָס איז פאר אים געבליבן נאָר טעאָריע, עס איז ניט לעבעדיק געווארן. סוף כּל סוף האָט ער זיך גובר געווען. ער וועט זיך אָפּזאָגן פון יעטווידער פּראַקטישער פּאָליטיק, און זאָל מען פון אים, דער זונהס מאַן, חוזק מאכן, וויפיל מען וויל. ער וועט זי אופהויבן צו זיך, חתונה האָבן מיט איר, אַראָפּנעמען פון איר די שאַנד, לעבן מיט איר ערגעץ אין א דאָרף. ווי א שטילער וויסנשאפטלער, געהויבן דורך איר תשובה און דאנקבארקייט, נאָר מיט ביכער און מיט איר.

אָן צו דערציילן דעם אלטן האַרפּרעכט, איז ער אוועק־געפאָרן אין הויף פון די געצם ניט ווייט פון היילבראָן, וואו אהין די דאמען זיינען ווידער אוועק נאָך זייער פארהער. צוערשט האָט מען אים לאנג ניט צוגעלאָזן. דערנאָך האָט ער אָנגעטראָפן עליזאבעט סאלאָמעא אין איילִיקע, האַסטיקע הכנות צום אָפּפאָרן. ער איז גאָר ניט געקומען דערצו ארויסצוברענגען זיין גרויסמוטיקן אָנבאָט. די דעמואזעל איז געווען אינגאנצן אומגעביטן, אז ער איז געבליבן אָפּהענטיק. זי איז האסטיק ארומגעלאָפן צווישן אָנגע־וואָרפענע פעק טואלעט־זאכן, צאצקעס, ביכער, וועש, האָט פאנאַ־דערגעלייגט, געבונדן, געפאקט, האָט געפירט א ביטער־פרייליכן, לצנישן שמועס. האָט ארויסגעזאָגט פּרינציפּן, וואָס עס איז געווען אַ שרעק צו הערן. מאָראל איז זייער א רעלאטיווע זאך. מיט א יאָר צוריק האָט מען אין שטוטגארט געהאלטן פאר גוט צו זיין וועלטיש, גאַלאַנט, איצט פארקערט. לויט איר מיינונג איז דער איד דער בעסטער מענטש אין שוואבן און דער איינציקער קאַ־וואלער. איבעריקנס פאָרט זי איצט קיין אויסלאנד, צוערשט קיין דרעזדן און ווארשע, דערנאָך קיין נעאַפּעל און פאריז. און דער־מיט פארבלייבט געזונט. און זי האָט אים צוגעוואונקען מיט דער האנט, וואָס אף איר האָט מיט פארטומלענדיקן פייער געשטראַלט דאָס גן־עדן־אויג.

אָן אופגערודערטער, מיט צוגעפרעסטע ליפּן, האָט מיכאל

קאָפּנהייפּער זיך אומגעקערט צוריק. שפּעטער האָט ער געהערט, אז עליזאַבעט סאלאָמעא פירט מיט הצלחה בא די אייראָפּייאישע הויפן דאָס לעבן פון א גרויסער אוואַנטיוריסטין. אין איר באַגלייטונג האָט זיך געפונען ווי אַ באדינער און מקורב אָטמאַן, דער שוואַרץ־ברוינער.

צו זיסן אין קאמער אריין איז געקומען דער מאַגיסטער יעקב פּאָליקאַרפּ שאָבער. עס איז געווען טונקל און פייכט אין אָט די איינגע פיר ווענט. מוכל און עיפּוש איז געווען אין דער לופט. זיס איז געזעסן איינגעקאָרטשעט. זיין אָטעם איז געגאַנגען שווער. ער איז געווען פעט און אָפּגעשלאַפט. דער פּנים ווייסט פארוואַקסן. דער מאַגיסטער האָט זיך איבערגעשראָקן טיף אין דער נשמה, אַז ער האָט, צוערשט מיט ספק, דערקענט אין אָט דעם אָפּגעריסן-אָפּגעשליסענעם מענטשן זיין פריער אַזוי גרויסן און מעכטיקן בעל-הבית. אים אַליין איז געווען ניט גוט. ער האָט געליטן דערפון, וואָס ער האָט געבראַכט דעם פינאַנס-דירעקטאָר צו אַזאַ צושטאַנד, בעצם האָט דאָס ער דאָך געראַטעוועט דעם עוואַנגעלישן גלויבן אין הערצאָגטום, עס האָט דעם מאַגיסטער אַריינגעדריקט אין דער ערד אַריין, וואָס ער האָט צוגעשוואָרן דעם אידן צו שווייגן, ער האָט געוואָלט ריידן, אַנטפּלעקן די אומשולד פונם גערודפטן, באַפרייען אים. זיס האָט אויסגעהערט זיינע אומבאַהאָלפענע, פאַרפּלאָנטערטע טענות, בקשות, הבטחות, און האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. צולעצט האָט ער געזאָגט: „ער איז אַ גוטער מענטש, מאַגיסטער. אַזעלכע זיינען אַ סך ניטאָ". און נאָך אַ ווײַלע, מיט אַ צוויי דייטיקן שמייכל: „ווען ער וויל דאָס לחלוטין, מעג ער איצט ריידן". דער מאַגיסטער האָט געקושט די האַנט, איז אַוועק אַ גליקלעכער.

געלאָפן צו די הערן פון פּאַרלאַמענט. וואָס זיי האָט ער דעמאָלט, לויט זיס' באַפעל, אויסגעזאָגט דעם סוד פון קאַטוילישן פּראָיעקט. דערקלערט, אויסגעטייטשט, פאַרזיכערט. נשתומם, האָט מען אים אויסגעהערט, ניט פאַרשטאַנען. געמיינט, ער וויל איצט קריגן אַ באַלוינונג דערפאַר, וואָס ער האָט דעמאָלט אויפגעדעקט דעם פּוטש. קאַלטלעך-איינגעהאַלטן האָט מען אים צוגעזאָגט, צו ריידן פאַר אים אַ וואָרט. מען האָט עפּעס מרמז געווען אויף אַ שטעל אין מלוכה-דינסט. אָבער אַז ער האָט מיט פייער פאַרריכט דעם טעות, אויסגעטייטשט, באַשטאַנען דערויף, אַז אַנטפּלעקט די פּלענער פון די כופרים האָט ער מיט זיס' הסכמה, נאָך מער לויט זיין שליחות, איז מען געוואָרן אומגעדולדיק און

געזאָגט, ער זאָל ניט טרייבן קיין קאַטאָוועס. געמיינט דאָס איז עפּעס דעם אידנס א קונץ, אַז ער וויל וואָס אַרויספּרעסן. מער פון אַלעמען האָט דער געהיימראַט פלוג ארויסגעשמעקט אַ טייוולאָנישן פּאַרטייִדיקונגס=פּלאַן פון זיסן און ער האָט געפּועלט, אַז מען זאָל דעם מאַגיסטער, וואָס איז ניט אָפּגעשטאַנען און האָט כסדר ניט געלאָזט צורו די ריכטערס מיט זיינע באָבע=מעשיות, אַריינזועצן אין תפיסה. אָבער היות ווי דער איד גופא האָט גאָרנישט דערמאָנט פון שאָבערס טענות, האָט מען סוף כל סוף באַשלאָסן, אַז דער מאַגיסטער איז אַ פּשוטער מטורף, און אַראָפּ פון זינען איז ער מחמת זיין פּיעטיסטישער פרומקייט. האָט מען אים מיט א שאַרפער התראה געלאָזט פריי. אויסגעמאַטערט פון אימה איבער דעם פּלאָנטער פון פאַרבלענדעניש פון דער וועלט, איז דער מאַגיסטער אַוועק קיין הירזאַו און האָט זיך געלעבט דאָרט מיט דער פרומקייט, מיט דער אַלטער קאַץ און מיט דער פּאָעזיע.

קיין הירזאַו איז אין גיכן אַוועק אויך פּיליפּ היינריך וויסנזיי. וויסנזיי האָט געמוזט זיך אָפּזאָגן פון פּאָסטן פון קאָנסיסטאָראַל=פּרעזידענט. דער פריערדיקער וויסנזיי וואָלט אפשר זיך געקאָנט האַלטן; דער געהיימראַט היינריך אַנדרעאַס שיץ, אַ שטייגער איז אין עצם געווען מער אַריינגעדרייט אינם קאַטוילישן פּראָיעקט און פונדעסטוועגן איז ער געווען געשיקט גענוג, ער זאָל זיך קאָנען האַלטן אונטער דעם הערצאָג אַדמיניסטראַטאָר, פונקט ווי אונטער איטלעכער אַנדערער רעגירונג. און וויסנזיי איז געווען לכל הפחות פונקט אַזוי בויגעוודיק ווי יענער. אָבער ער איז געווען מיד און אויסגעלויגט. און ער האָט זיך מער געלאָזט פאַלן, ווי ער איז געוואָרן אַראָפּגעוואָרפן. פאַר מאַגדאַלען סיבילע איז דער פאָטער געוואָרן זייער פרעמד. איצט אין זיין ירידה האָט ער זי צוגעצויגן, זי האָט געזוכט ווידער צו דערנענטערן זיך צו אים, זי האָט געהאַלטן, אַז מען האָט אים אן עוולה געטאָן, האָט געשריבן שירים, וואו עס איז געשטאַנען, אַז ער איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן ניט איבער זיין שולד, נייערט מחמת אַ שלעכטן מזל און דער שנאה פון

מענטשן. נאָר דער אַלטער ווייסנזיי האָט זי ניט צוגעלאָזן צו זיך, איז געוואָרן פאַרהאַרטעוועט קעגן איר, און איר פאַרבירגערליכונג איז זי אים געוואָרן דערווידער און איר טראָגעדיקייט האָט אים געעקלט ביז צו חלשות. וואָס האָט ער געהאַט פאַר אַ שייכות מיט אָט דער דיקער פרוי? ער האָט צו איר גאָרנישט ניט געפילט. עס איז פון איר צו אים גאָרנישט ניט דערגאַנגען. וואָס האָט פאַר אים נעקאָנט באַטייטן אַן אייניקל פון איר און פון עמנואל ריגער, דעם מאָגערן, גבֿורהדיקן, באַוועגלטן, בראַון, פעדאַנטישן, פוסט-פנימדיקן יונגען מאַן? ניין, ניין! דאָס גייט אים ניט אָן, רירט אים אַ ברעקל ניט אויף דאָס האַרץ און בלוט. חוץ דעם, האָט ער זיך געשעמט מיט דער נאַרישער גראַמען-מאַבערייִ דער טאָכטערס. אַ מעדיצינישער און פּאָעטישער גוטער פרייַנט, דער דאָקטאָר דניאל ווילהעלם טרילער, האָט איצט געלאָזט אָפּדרוקן אירע שירים. דער געטינגער קרייז פון די פּיעטיסטן האָט געפּועלט, אַז דער פּראָרעקטאָר פון דאָרטיקן אוניווערסיטעט, פּראָפעסאָר זעלדנער, זאָל ווי דער קיסרלעכער פּאַלצגראַף, דערהויבן מאַגדאַלען סיבילע צו אַ געקרוינטער דיכטערין. אָרימער קורפירשט פון האַנאָווער, אָרימער קעניג פון ענגלאַנד, וואָס טראָגט די אחריות פאַר אַזאַ אוניווערסיטעט, פאַר אַזאַ עסטעטיק, פאַר אַזאַ קריטיקער משטיינס געזאָגט. איצטער האָט דאָס גענומען ווידמענען זיך אַהין און צוריק מיט ניכטערע, נאַרישע, געגראַמטע מזל-טובס און דאַנק-שירים, און די פרוי, וואָס האָט זיך פאַרנומען דערמיט, בעת זי האָט געטראָגן אַ קינד, די דאָזיקע שלימזלדיקע „געקרוינטע פּאָעטעסע” איז דאָס געווען זיין טאָכטער! דער אַלטער, פיינער הער, וואָס זיין לעבן איז געווען טאַקט און וועלטיש געפיל און אויסגעקליבנקייט און דיפּלאָמאַטיע, האָט זיך געשעמט. עס האָט אים געעקלט. האָט ער, אַן אָרימער, אַ נאַקעטער, אָפּגעצויגן צוריק קיין הירזאו, צו זיין פּירוש אף דער ביבל.

דערווייל האָט דאָס לאַנד אופגעבליט. אפגעאָטעמט, אויס=
געצויגן די גלידער, ניט געוואָרגן מער פון א שטיקנדיקער האַנט.
די פרייזן זיינען געפאלן, אראָפּגעלאָזן זיך נאָך נידעריקער פונם
שטאַנד פון די ערשטע, גוטע יאָרן פון קאַרל אלכסנדרס רעגי=
רונג. זעקס פונט ברויט האָבן געקאָסט ניין גרייצער, אַ שאָפּן
אלטער ויין זעקס גרייצער, אַ פונט אָקסן אָדער חזיר=פלייש
פינף גרייצער, אַ מעסטל ביר צוויי גרייצער מיט דריי העלער,
אַ קלאַפּטער בוקן=האָלץ צען, יעגלע האָלץ פינף גילדן. און הגם
אין דער אינעווייניקסטער פּאָליטיק איז ניט געווען אלץ צום
בעסטן, — חוב! האָט נעזאָגט קאַרל רודאָלף; גערעכטיקייט!
אַוטאָריטעט! און האָט ניט געהאַט קיין חשק אָפּצולאָזן בנוגע
דעם פּארלאמענט אפילו אַ פינטעלע פון זיינע פירשטלעכע
רעכט —, דאָך האָט ער פון דער אַנדער זייט אַריינגענומען
אין קאַבינעט דעם קלוגן, פעסטן, ערלעכן, אָפּגעהיטן בילפינגער.
און אַזא זיכערונג פון די רעליגיעזע און בירגערלעכע פרייהייטן
צוזאַמען מיט דער בעסערונג פון דעם עקאָנאָמישן מצב איז גע=
ווען א גענוגער טעם, אַז אַלע זאָלן זיין צופרידן, האָט מען
אויסגעזוכט אַלטמאָדישע בילדער, וואָס אף זי האָט קאַרל רו=
דאָלף בראש פון זעלנער אין פארגעסענע אוניפאָרמעס זיך ארום=
געשלאָגן מיט טערקן אין בריטע הויזן און סאַראַצענען מיט
קרומע שאבלעס. און וואו דער קליינער, קרומער, פּראָסט גע=
קליידעטער סאלדאַט פלעגט זיך באווייזן, פלעגט מען שרייען
הורא.

דער פשוט ערלעכער, זאכלעכער שטייגער פונם אַלטי
רעגענט האָט מער פון אַלעמען אימפּאנירט דעם קאנסולענט פון
דער לאַנדשאַפט פייט לודוויג נייפער. פריער אַ פאַנאַטיש פייער=
דיקער אָנהייגער פון דער מאַכט, איז ער שפּעטער געוואָרן
פונקט אַזאַ הייסער שונא פון די טיראנען. איצט האָט ער איינ=
געזען, אַז סיי דאָס און סיי יענס איז געווען נאָר אַ פאַרב, אַ
פאָן, און ניט דער עצם מהות. חוב! גערעכטיקייט! אַווטאָריטעט!
דאָס איז געווען דער זין פון דער מלוכה=קונסט. דער חוט
השדרה פון איטלעכער גוטער רעגירונג. קאַרל רודאָלף איז גע=

פעלן געוואָרן אָט דער מאָגערער מענטש, זיין פראָסטער פאַרבייסענער שטייגער זיך צו האַלטן, זיין טרוקענער פאַנאַטיזם. אויך האָט ער געהאַט עפעס א שייכות, אמת, מען האָט ניט געוואוסט גענוי וואָסערע, מיט דער מעשה, ווי עס איז באַזייטיקט געוואָרן דער לעצטער, שלעכטער הערצאָג מיט זיין אייד. קאַרל רודאָלף האָט אים אויך ארייגעזעצט אין קאַבינעט. איצט איז, בכן, געזעסן דער טרוקן גליענדיקער מענטש און האָט רעגירט. אייזערן געטריי צום חוב, אייזערן גערעכט, פאָדערנדיק אַוטאָריטעט און געבנדיק אַוטאָריטעט.

אזוי איז פאַרגאַנגען א פרי־יאר מיט אַ סך וואָלקנס און ווינט, א שטראַלנדיקער פריזומער, אַ שטיקנדיקער זומער מיט א סך געוויטערס. איצט האָט אַ קלאָרער האַרבסט געגענט צום סוף, אַן ערשטער פראָסט האָט געכאַפט, און זיס האָט נאָך אלץ געשטעקט צווישן די טריפנדיקע, איינגע ווענט אין זיין קאַמער. ער איז איצט געווען געדריקט און באַטריבט. עס איז ניט געווען שווער, אויסצוהאַלטן עינוים, עס איז מסתמא אויך ניט געווען שווער צו שטאַרבן, אָבער עס איז געוואָרן מיט יעדן טאָג אלץ שווערער צו אָטעמען די פאַרעיפּושטע לופט פון אָט דער תפיסה, צו שלינגען דאָס עקלדיקע ברויט פון דער פעסטונג. זיין רוקן איז געווען אויסגעקרימט, זיינע גלידער צעדרייט, זיינע געלייענקען צעריבן ביז וואונדן פון די קייטן. אין דרויסן איז געווען לופט, אין דרויסן איז געווען זון און ווינט, אין דרויסן זיינען געווען ביימער און פעלדער, הייזער און קלינגעדיקע שטימען, מענער זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרטאָן און וויכטיק, קינדער זיינען געשפּרונגען, מיידלעך האָבן געשאָקלט די קליידלעך, אָך, איין מאָל אַ מויל פול פרייע, וויי־ענדיקע לופט, איין מאָל צו מעגן טאָן זיבן טריט אַנשטאָט די פינף און א האַלב אין דער קאַמער. ער האָט געשריבן, ער האָט געשריבן צום הערצאָג־אדמיניסטראַטאר. ער איז געווען א באַאַרנטער מענטש; אפשר וועט ער הערן. ער האָט געשריבן מיט כבוד, ניט קנעכטיש, זאכלעך. האָט דערוויזן זאַכלעך, אָן כעס, אַז לויט די געזעצן פון הערצאָגטום איז ער ניט שולדיק. איבעריקנס, אפילו אויב ער

האָט דאָ און דאָרטן עובר געווען אַף די געזעצן פון לאַנד, שיצט אים דאָך דאָס אַבסאָלוטאָריום, וואָס דער הערצאָג קאַרל אַלכסנדר האָט אים אַרויסגעגעבן, אַז מען טאָר אים אין קיין זאַך ניט באַשולדיקן. פונדעסטוועגן איז ער גרייט צו באַצאָלן איטלעכן, וואָס האָט געליטן שאָדן דורך זיין טועכץ. ער געפינט זיך שוין פיר און דרייסיק וואָכן אין אַרעסט, צום טייל געשמידט אין קייטן. ער איז אַף דער פעסטונג געוואָרן אַן אַלטער מאַן. ער האָפט דעריבער, אַז דער הערצאָג-אַדמיניסטראַטאָר, וואָס ער פאַלט אים צו די פיס, וועט האָבן פאַר אים גענאָד.

מיט שפאַנונג, ווי שוין לאַנג ניט, האָט ער געוואַרט אַף ענטפער. פרימאָרגן איז געקומען און אוונט און ווידער אַ טאָג און נאָך איינער און אַ וואָך און אַבער אַ וואָך. צולעצט האָט ער בעטן טעגלעכן פאַרהער צווישן ניין און צען אַזייגער, נאָכדעם ווי דער מאַיאָר גלאַזער האָט אים ווידער מיט נצחון אָנגערופן עטלעכע נעמען פון פרויען, וואָס די קאָמיסיע האָט געהאַט אויסגעשנישמערט, אַ פרעג געטאָן, צי עס איז ניט אָנגעקומען קיין ענטפער פון הערצאָג-אַדמיניסטראַטאָר. האָט דער מאַיאָר צוריקגעפרעגט מיט קאַלטן חוזק, צי מיינט ער טאַקע ערנסט, אַז מען וועט דעם רעגענט מטריח זיין צו פאַרנעמען זיך מיט זיינע אידישע עזותקייטן; פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט זיין שרייבעכץ, ווי די שרייבעכץ פון אַ פאַרביסענעם פאַסקודניק און איד, אַוועקגעשיקט ניט צום הערצאָג, נאָר צו די ריכטער. דעם געהיימראַט פלוג האָט ער געמאָלדן אין זיין טעגלעכן ראַפּאָרט, אַז נאָך אָט דעם ענטפער איז דער העברייער, די חיה רעה, אינגאַנצן געפאַלן באַ זיך.

נאָר זים האָט שוין ווידער געהאַט אָנגעדרייט אַלע רעדער פון זיין פריערדיקער עקשנות און אַרבעטס-קראַפט. ער האָט געוואָלט אָטעמען, ער האָט געוואָלט זיין אין ליכטיקייט. זינט די אומגליקלעכע פרואוון פונם מאַגיסטער שאָבער האָט מען צו אים מער קיין באַזוכערס ניט צוגעלאָזן, אפילו זיין פאַרטיידיקער, דער בראַווער ליצענציאַט מייגלינג האָט ניט געטאָרט צו אים קומען. נאָר אין דעם קראַנקען, צעבראָכענעם מענטשן האָט זיך ווידער

אופגעכאפּט דער דרייקאפּ. האט ער געבעטן מיט עניוות, מען זאָל אים צושיקן א גייסטלעכן. דאָס האָבן זיי ניט געקענט אים אָפּזאָגן. אים האָט ער געוואָלט מאַכן פאר א פאַרמיטלער, כּדי צוצוקומען דורך אים צום אלטן רעגענט. אָבער פון זיין האָפענונג האָט זיך באַלד אויסגעלאָזן א רויך; מען האָט צוגעשיקט צו אים דעם שטאָט־וויקאַר האָפמאַן, וואָס ער האָט אים געקענט פאַר אַן אַלטן אָנהייגער פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער פּאַרטיי און פאר זיינעם א בּפירושן קעגנער. דער וויקאַר האָט נאַטירלעך געמיינט אַז אין דעם איצטיקן מצב איז זיכן גרינג אָפּצושמדן, און ער האָט באַלד אפן אָרט אָנגעהייבן מיט חוזק און פּאַטאָס איינטענען מיט אים. דער איד האָט איינגעזען, אַז איצטער איז זיין לעצטע האָפענונג פארשוואונדן, און ער האָט ציענדיק מיט די אַקסלען געענטפערט, אַז ער קלערט גאָר ניט צו שמדן זיך. האָט מודה געווען פּשוט און קלאָר, אַז ער האָט אים געלאָזט רופן, כּדי אויסצופועלן דורך זיין פאַרמיטלונג אַן אוידיענץ באַם הערצאָג־רעגענט. האָט דער גייסטלעכער ברוגז ארויסגעבּרומט, דאָס געהער זיך ניט אָן מיט אים; האָט זיס געענטפערט טרוקן, אַז ער דאַנקט פאר דעם וויזיט.

נאָר דער שטאָט־וויקאַר איז געקומען נאָך א מאָל. ער איז געווען א קנאי, ער האָט גוט געזען, ווי שלעכט עס האַלט מיטן אידנס גוף, און ער האט געמיינט, אַז אין אָפּגעשוואכטן גוף דאַרף שטעקן אויך אַן אפגעשוואכטע נשמה. זיס האָט א שמייכל געטאָן, אַז ער האט אים דערזען צום צווייטן מאָל. ער האט אים אויסגעהערט רואיק און מיט אויפמערקזאמקייט. לסוף האָט ער געזאגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ: „בּייטן אַ רעליגיע איז אַן ענין פאַר אַ פרייען מענטשן, און געשיקט זיך ניט פאר א געפאַנגענעם". נאָר דער שטאָט־וויקאר האט זיך ניט געלאָזן אָפּשלאָגן. ער האָט זיך גענומען אריינגעמען אין קאָפּ צו ברייגנען דעם דאָזיקן מאַן, וואס זיין שם האט געקלונגען אין דער גאַנצער אימפּעריע, דערצו, ער זאָל מודה זיין אין דעם אמת פון דער אויגסבורגער קאָנפעסיע. ער האָט אַפילו מיטגעבראכט א העלפער, דעם פּריידיקער יאָהאַן קאָנראד ריגער. בּיידע גייסטלעכע האָבן

געהאָרעוועט אף אלע בלים; יאָהאַן קאָנראַד ריגער האָט אוים=
געשפּריים גאָר דעם סאַמעט פון זיין באַרימטער רעטאָריק, דער
שטאָט=וויקאַר האָט אונטערגעהאָלפן, פאַרשטאַרקט. א גאַנצע גע=
זעלשאַפט פון מיסיאָנערן האָט ניט געקאָנט ברייננען מער באַ=
וויזן און גרונטיקערע. אָבער זיס, ווי א פאַרביסענער איד, איז
געבליבן עקשנותדיק אין זיין טעות.

מיט די איבעריקע געפאַנגענע, די שפּער, האַלוואַקס,
בילער, מען איז מען זיך באַגאַנגען א סך ווייכער. זיי האָבן גע=
האַט קרובים אין די משפּחות פון די פּאַרלאַמענטאַריער; זייערע
פּראָצעסן זיינען געפירט געוואָרן מיט חסד; עס איז געוואָרן פאַר=
בויגן, ארומגעשריבן, פאַרדעקט. זייערע מעשים, די מעשים פון
געשוואָרענע באַאַמטע, וואָס לויטן געזעץ זיינען זיי געווען מאַיע=
סטעט=פאַרברעכנס און בגידה, האָבן אַלץ מער געקראָגן דעם
פּנים פון קליינע עבֿרות; די אויספאָרשונג איז אַלץ מער געוואָרן
נאָר א פאָרמע. צוערשט איז ארויס פריי דער הויף=קאַנצלער
פאָן שפּער, פאַרמשפּט נאָר צו באַצאָלן די הוצאות פון דער
אויספאָרשונג; ער איז אוועק קיין טיבינגען מיט זיין טיטל גע=
היימראַט און מיט פולער פּענסיע. דערנאָך זיינען ארויסגעלאָזט
געוואָרן בילער און מעץ, שפּעטער פון אַלעמען האַלוואַקס. זיי
האָט מען ארויסגעשיקט פון לאַנד. מחמת פאָרזיכטיקייט האָבן
זיי געהאַט אריבערגעפּעקלט קיין אויסלאַנד דעם הויפּט=טייל פון
די גרויסע סומעס, וואָס זיי האָבן פאַרדינט אין זיס׳ אונטער=
נעמונגען. עס איז גאָר ניט געווען נויטיק; מען האָט זייער אייגנס
ניט געטשעפּעט אפילו אין הערצאָגטום. זיי זיינען אוועק מיט
אַנדערע געוועזענע מיטאַרבעטער פון זיס אַנדערהאַלב מייל ווייַ=
טער אין דער פרייער אימפּעריע=שטאָט עסלינגען, האָבן געלעבט
אין דער פריינטלעכער, אָנגענעמער שטאָט רואיק פון זייער
גרויסן פאַרמעגן, פלעגן אַלע טאָג קריגן געסט פון שטוטגאַרט,
האָבן ווי ברחבֿותדיקע צוקוקער מיט וואויל=געניייגטן אינטערעס
זיך צוגעהערט צו די דערציילונגען, ווי אזוי עס גייט דער פּראָ=
צעס קעגן זיסן. צוערשט האָט מען אין עסלינגען אונטערגע=
בורמט איבער די ניי=צוגעקומענע. אָבער איבער דעם אומגעבי=

טענעם מצב האָבן א סך עמיגראנטן זיך אומגעקערט צוריק קיין שטוטגארט, האָט מען אין עסלינגען דערשפירט דעם פינאנסיעלן חסר און מען איז סוף כל סוף געווען צופרידן, וואָס אָנשטאָט זיי זיינען אָנגעקומען אין שטאָט די פליטים פון דער צווייטער פּאַרטיי, וואָס האָבן געגעבן א סך צו לייזן. אזוי האָבן זיס' חברים זיך געשפירט גאנץ גוט און זיי האָבן געווארט, ביז עס וועט זיך בייטן די רעגירונג, און זיי וועלן קאָנען קומען צוריק; דער יונגער הערצאָג וועט דאָך ניט בלייבן אייביק מינעריאָריק און קארל רודאָלף איז אן אלטער מאן.

זיס' פאַרמעגן, ווי ווייט מען האָט דאָס געקאָנט כאַפּן אין הערצאָגטום, קודם כל זיין פּאַלאַץ, איז דערווייל געוואָרן קאָנפיסקירט. עס איז געווען גוואלדיק שווער צו ליקווידירן די ברייטע פאַרצווייגטע, פאַרפּלאָנטערטע געשעפטן דעם פינאנס=דירעקטאָרס. דאָס באַרטעלעמי פּאַנקאָרבאָ האָט געמוזט סקריענדיק צוציען פאַר א בעל=עצה ניקלאַס פעפּלע, דער בלאסער, פּעטער יונג איז געוואָרן מרוצה; ער האָט אָבער אף זיין גלייכמוטיקן שטייגער געשטעלט תנאים. קודם כל האָט ער ניט צוגעלאָזט קיין פרעמדע האַנט צו זאַכן, וואָס זיין בעל=הבית האָט גענוצט צוליב זיין פּערזענלעכן געברויך. ווי נאָר דער פּאָרטוגעז האָט דאָ געפּרואווט עפּעס אָנרירן, איז ניקלאַס פעפּלע געוואָרן תיכּף ווידערשפּעניק, האָט פאַרפּלאָנטערט ווידער די פעדים פון די פינאנסיעלע ענינים, האָט געשטעלט אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד, און דאָס באַרטעלעמי האָט געמוזט ווידער צונעמען די דארע פינגער פון די זאכן, וואָס דער שטילער סעקרעטאר האָט ניט געוואָלט אים צולאָזן צו זיי.

די קליאַטשע אסיאדא, הגם מען האָט זי גוט געהאלטן, איז שטארק אראָפּ, זינט זי האָט ניט מער געשפירט די האַנט פון איר בעל=הבית. דער מאַיאָר ריידער האָט געוואָלט זי האָבן, און דער פּאָרטוגעז האָט אים צוגעזאָגט צו געבן זי. נאָר ניקלאַס פעפלע האָט דאָס ניט דערלאָזט. פלוצים האָט עמיצער אוים=געדונגען זי; איידער דער מאַיאָר האָט באַוויזן צו זאָגן עפּעס, איז די קליאטשע שוין געווען איבערגעענטפערט דעם פרעמדן, אום=

באקאנטן קונה, און הער פאַן ריידער, וואָס זיין ליד: האַלט! אָדער שטאַרב ענטוועדער! איז נאָך אַלץ געווען בא אלעמען אין די מיילער, האָט זיך געמוזט באוויזן דעם שטענדיק התלהבות־דיקן פאָלק אף זיין אַלטן פוקס. די שיינע מזרח־לענדישע קליאַ־טשע האָט זיך באוויזן בא דער דעמוּאַזעל עליזאַבעט־סאַלאָמעאַ געץ, וואו דער שוואַרץ־ברוינער האָט זי צוגעזען. שפּעטער האָט די דעמואזעל, בעת זי האָט זיך געגוּיטיקט שטאַרק אין געלט, געמוזט זי פאַרקויפן. זי האָט זי פאַרקויפט צו א רייכן מוסלים, און די קליאַטשע אַסיאַדאַ איז ווידער פאַרשוואונדן אין מזרח, פון וואַנען זי איז געקומען.

אויך דעם פּאַפּוגאַי, וואָס האָט גערופן פראַנצויזיש: „מיין לעבן פאַר מיין סוּאוועריען!" און: „ווי האָבן אייער דורכלויכט באוויליקט צו שלאָפן?" האָט פּעפּעלע אַרויסגענומען פון די הענט פונם זשעדנעם זיגער. ער אליין האָט געבראַכט דעם שטייג מיטן פויגל קיין פראנקפורט צו יצחק לאַנדויער, וואָס האָט געהאַט געפונען אַ קונה, וואָס איז געווען געפעלן ניקלאַס פּעפּעלע. דער גרויסער פינאַנסיסט האָט אופגענומען דעם סעקרעטאַר אין פאַר־דימפּענעם, שלעכט געלופטערטן פּריוואַט־קאַנטאָר פון זיין מיאוסן קרומען אָפּגעלעגענעם געטאָ־הויז. ער איז געזעסן אין זיין פאַר־שמירטער קאַפּאָטע אין א נים שיינע, אומבאַקוועמער פּאָזע אנט־קעגן דעם בלאַסן, פּעטן סעקרעטאַר. האָט באַקוקט מיט שנאה דעם שרייענדיקן פויגל. האָט צולעצט געזאָגט: „איך האָב אים באַצייטנס געזאָגט: וואָס דאַרף א איד האָבן א פּאַפּוגאַי?" ער האָט געקעמט האַסטיק מיט דאַרע פינגער דאָס רויט־בלאָנדע, אָפּגע־בלאַקירטע ציגענע בערדל, האָט געוואָרפן קרומע, איילוקע, ברוגזע בליקן אַרום. ניקלאַס פּעפּעלע האָט געשוויגן. אָבער דערנאָך זיינען ביידע געבליבן נאָך אייניקע שעה צוזאַמען, האָבן אַרומגערעדט א סך זאַכן, מיט האַלבע ווערטער און גלייכמוטיק דער איינער, האַסטיק, לאָגנדיק, שטראַשענדיק, באַשולדיקנדיק, מיט האַרץ, דרינגלעך דער צווייטער.

מחמת אַט דעם שמועס האָבן יצחק לאַנדויער און ניקלאַס פּעפּעלע געמאַכט עטלעכע נסיעות. פון אָנהייב האָבן אידן גע־

פרואווט זיך משהל זיין פארן געפאלענעם פינאנס=דירעקטאר. איצט איז די דאזיקע ארבעט געווארן ארגאניזירט. בא די מיניסטארן און גרויסע הארן, בא די פארשידענע אייראפייאישע הויפן, זיינען געזעסן אידישע באנקירן, האבן ארומגערעדט דעם ווירטעמבערגער פראצעס. זיי האט געארט ניט אזוי די פערזאן פון זיס, אויך ניט דאס, וואס מען באגייט זיך מיט אים אזוי שלעכט. זיי האבן פארקערט אונטערגעשטראכן, ווי דער דאזיקער פראצעס ווערט געפירט מיט לויטער רשעות, און קעגן רוימישן און דייטשן רעכט און קעגן די געזעצן פון לאנד. די געשווארענע באאמטע לאזט מען פריי, קעגן דעם פריוואט=מענטש און דעם פרעמדן אונטערטאן פארפירט מען א פראצעס וועגן בגידה אין דער קאנסטיטוציע. עס איז פאראן דער הערצאגס א רעסקריפט, וואס שיצט אים דורך א געזעצלעכן אקט קעגן רדיפות. שפרייזט מען אריבער איבער דער דאזיקער העכסטער, הייליקסטער חתימה און מען פראצעסירט פון וועגן מאיעסטעט=פארברעכן. דאס הייסט יוסטיץ? איז נאך פאראן רעכטלעכע זיכערקייט, גאראנטיעס אין אזא מלוכה? קאן מען מיט אזא רעגירונג פירן פארהאנדלונגען, אפשליסן מיט איר געשעפטן? אף איין איינציקן פאראגראף פון געזעץ איז זיס עובר געווען; ער האט — א קלייניקייט, א קרימינעלער פארברעך! — געשלאפן מיט קריסטלעכע פרויען. דערפאר קאנפיסקירט מען זיין פארמעגן. הייסט דאס רעכט? הייסט דאס יוסטיץ? צי קאן מען אזא מלוכה געבן קרעדיט?

אזוי איז דאס געגאנגען בא אלע הויפן. מען האט זיך גערייצט מיט די ווירטעמבערגער געזאנדטע. מען האט חוזק געמאכט דער עיקר איבער דער מאראל פון דער מלוכה, וואס נוצט אויס די ליבע שפיל פון א פריוואטן מענטשן, בכדי צו דעקן דעם מלוכה=דעפיציט. אויך אז די ריכטער פארציען אזוי לאנג דעם פראצעס, בכדי פעט צו ווערן פון די טאג=געלטער, האט מען קאנסטאטירט אומעטום. אף יעדער ביישלאף דעם אידנס נישטערן די הערן אזוי לאנג ארום, ביז איטלעכער פון זיי פארדינט דערביי זיינע טויזנט טאלער.

יאהאן דניאל האַרפּרעכט איז געקומען צום הערצאָג=אדמיני=
סטראטאר, בכדי צו רעפערירן אים, ווי אזוי עס גייט די אויס=
פאָרשונג. ער האט גערעדט פריי און גראד. ווען דאס זאל גע=
דויערן, וועט די שוואַבישע יוסטיץ אנווערן יעטווידער פּרעסטיזש.
מען האָט זיך איצט געגוג מבויש געמאכט. ער באַדאַרף נים
אונטערשטרייכן, אז ער האלט דעם אידן פאר א שעדלעכער
וואַנץ, אבער עס געשיקט זיך נים, מען זאל א מענטשן אין א
מאדערנער רעכטלעכער מלוכה אזוי פייניקן פיזיש. זאל מען סוף
כל סוף צונויפנעמען די באוויזן און צוטרעטן צו דער החלטה
און צום פּסק=דין. עס איז אַ סקאַנדאל, וואס מען האט די איבע=
ריקע גרעסערע פאַרברעכערס ארויסגעלאזט פון נעץ. ער פאר=
שטייט, אז עס איז פאליטיש נויטווענדיק מקיל צו זיין; זאל מען
זיך אבער לכל הפחות נים מאכן צו שאנד און צו שפּאט דורך
אַ צו פיל באַרבארישער באַהאַנדלונג פונם אידן. דערהויפּט די
מעשה מיט די ווייבער, ווי די קאָמיסיע פירט זי, איז א לאנד=
פאַרדאַרבערישע חזירײַ. דער אַלטער יוריסט האָט גערעדט מיט
פייער און האָט באנוצט שטאַרקע ווערטער. מען האָט געמוזט,
אויב מען זאָל גיין לויטן נאקעטן און לאנג פאַרפוילטן אות פון
געזעץ, פאַרברענען אויך די ווייבער, מכח דעם טראכט קיינער
נים. טאָ צוליב וואָס, צו אלדי שווארצע יאָרן, דער גאַנצער
עסק. אין אימלעכער נאכט ווערן הונדערט טויזנט פרויען באַ=
שלאָפן, אין בעט, שלאָפנדיק מיט א פרוי, שטעלט קיין איד און
קיין כופר נים אין סכנה די זיכערקייט פון דער מלוכה, פון דער
רעליגיע און פון דער קאָנסטיטוציע. עס וואָלט גוט געווען, ווען
דער איד וואָלט אַלע זיינע טעג און נעכט זיך נים פאַרנומען
מיט קיין אַנדער זאַך. אגב, ווייזט אים אויס דער איד, וואָס לאָזט
זיך נים ארויספרעסן קיין איין נאָמען, צו זיין פיינער און איידע=
לער, ווי זיינע שופטים. זאָל מען סוף כל סוף ארויסשלעפּן פון
דער דאָזיקער חזירײַ הענט און נעזער. פינסטער האָט דער אַל=
טער רעגענט צוגעהערט. האַרפּרעכט האָט נאָר קלאָר און האַרט
ארויסגעזאָגט, וואָס ער האָט שוין אליין מטושטש געשפּירט. חוב!
גערעכטיקייט! און ער האָט געגעבן א באַפעל אָפּצושטעלן די

אויספאָרשונג מכּח די פּרויען. עטלעכע פּרויען האָט ער געלאָזט עפנטלעך קאָטעווען, שלעפּן די פּור מיסט דורך דער שטאָט לויטן מנהג.

מיט זיסן האָט ער באַפוילן צו באַגיין זיך ניט ווייך, אָבער ווי מיט א מענטשן. פּעראַנמיש געגלוי האָט מאַיאָר גלאַזער גע־פאָלגט דער אינסטרוקציע. ניט ווייך. די קאַמער דעם אידנס האָט אויך איצט ווי פריער געהאַט נאָר פינף און א האַלב טראָט. איטלעכן צווייטן טאָג האָט מען אים פאַרשמידט אין קייטן, ער פלעגט קריגן פליש נאָר זונטאָגס, האָט געמעגט טראָגן נאָר די פּשוטסטע קליידער, ווי א מענטשן. דער פאַרהער צווישן ניין און צען אזייגער איז בּטל געוואָרן, ער פלעגט קריגן א טאָג איבּער א טאָג וואסער צום וואשן, זיין קאַמער האָט געהאַט א דיל פון ברעטער און א באַנק צום שלאָפן.

אָף די הערן פון דער קאָמיסיע האָט געווירקט דער באַ־פעל פון רעגענט. אויך איז זיי געוואָרן פּריקער צו מוט פון די בייזע טענות פון אויסלאַנד. וואָס האָבּן געקלונגען אַלץ העכער, אופגעוועקט דורך א קלוגער האַנט. עס איז טאַקע ניט געווען אזוי פּשוט צו באַגרינדן א פאַרמשפּטונג יורידיש. אַז האַרפּרעכט און שעפּף ווען ניט מסכּים זיין, איז געווען געוויס; אָבּער אויך די איבּעריקע, דער עיקר די אינגערע מיטגלידער, זיינען געוואָרן אומזיכער, האָבּן מורא געהאַט צו קאָמפּראָמיטירן זיך. דער ליצענ־ציאַט מייגלינג, דער ערלעכער אַדוואָקאַט האָט אופגעבּליט. ער האָט געהאַט דעם געפיל, אַז דאָס, וואָס מען באַגייט זיך איצט מיט זיסן מענטשלעכער, און וואָס בּא עטלעכע ריכטערס האָט זיך געבּיטן די שטימונג, איז דאָס זיין אופּטו. אמת נאָך איצט האָט מען אים געמאַכט שווער צוצוקומען צו זיין קליענט, אויך די פּראָטאָקאָלן איבּער דעם אויספאָרש פון די עדות האָט מען אים ניט געגעבּן, אזוי אז זיין פּאַרטיידיקונגס־שריפט איז זאַכלעך ניט געגאַנגען פון אָרט; אָבּער פאָרמאל האָט ער זי אַלץ שאַר־פער ארומגעפיילט. ער האָט געשטעלט די ווערטער אַלץ שענער און גלאַטער, אַזוי אז ער האָט מיט א רואיקן געוויסן געקאָנט

זיך זאָגן, אַז ער פאַרדינט זיינע טאָג=געלטער מיט שווייס און בשר.

פול זאָרג און פאַרביטערונג האָט דער געהיימראַט פלוג געזען, ווי די פאַרמשפּטונג און פאַרטיליקונג פון זים איז דורך די אידישע מאַכינאַציעס געשטעלט אונטער א גרויסן ספק. זיין טרוקענער פאנאטיזם האָט געפלאַקערט, האָט אים געפרעסן אין הארצן, אים ארומגעטריבן. דער ציל איז געווען צו נאָענט; וואָלט ער זיך איצט ארויסגעגליטשט פון זיינע הענט, ער וואָלט דאָס נים אויסגעהאלטן. מאָגער, ביטער, פאַרכאַפּט פון זיין ציל, נים מסוגל זיך צוצוהערן צו וואָסערע עס איז טענות אַנטקעגן, איז ער געגאנגען פון איינעם צום אנדערן צו די פאַרלאמענטאריער, וואָס ער האָט זיי געקענט פאַר זיס׳ ערגסטע שונאים. האָט זיך געהאלטן שטענדיק עצות מיט דאָס בּאַרטעלעמי פאַנקאָרבאָ. האָט נים געזשאלעוועט נים קיין געלט, נים קיין טרחה. עס האָבן זיך באוויזן פלוג=בלעטער קעגן דעם אידן, די פאַרביטערונג פון פאָלק, וואָס די מעץ, בילער. האַלוואַקס זיינען אָפּגעקומען אזוי מיט חסד, איז געוואָרן געווענדט מיט גאָר דעם אימפּעט אף זיסן. עס איז געוואָרן אויסגעשפּרייט א קלאנג, אַז אויך זים זאָל אין גיכן ווערן ארויסגעלאָזט פריי. די ריכטער, וואָס מען האָט משער געווען וועגן זיי, אַז זיי וועלן פּסקען ווייכער, אפילו דעם הויך אָנגע=זעענעם האַרפּרעכט, האָט מען באַארבעט פון אַלע זייטן, צולעצט האָט מען זיי אפילו אין שיינק נים געלאָזט צו רו. עס איז גע=קומען צו פאָלקס=פאַרזאמלונגען, דעמאָנסטראַציעס. „דער איד מוז הייגנען!“ האָבן הערר פאָן פלוג און דאָס בּאַרטעלעמי ארויסגעגעבן דעם לאָזונג. „דער איד מוז הייגנען!“ האָט עס געדונערט אין פאַרלאַמענט, אין די קירכן. „דער איד מוז הייגנען!“ האָט גע=רעוועט דאָס פאָלק, האָבן געזונגען אין גאסן=לידל אין געהעריקע גראמען די אינגלעך, האָבן קאָנסטאַטירט האַמעטנע און איבער=צייגט די פּויערים אין די אָפּגעלעגנסטע הויפן.

דורך אזא דרוק האָט הער פאָן פלוג געפועלט, אַז עטלע=כע ריכטערס זיינען ארויס פון דער קאָמיסיע. אף זייער אָרט זיינען אריין זיס׳ פערזענלעכע שונאים, וואָס עס איז געווען זיכער,

אַז זיי וועלן שטימען, ווי ער וויל. די געוועזענע מיניסטאָרן פאָר=
סטנער און נעגנדראנק, וואָס זיס האָט זיי געהאט אראָפּגעווארפן;
דער קאַלטער, גלאַטער כבוד=זוכער אַנדרעאַס היינריך שיץ, וואָס
אונטער קארל אלכסנדר האָט זיס אים געשטערט ארוף צו קומען;
הער פאָן פלוג האָט אפילו אויסגעדרייט אזוי, אַז אין דער קאָ=
מיסיע איז באשטימט געוואָרן דער יונגער געהיימראט פאָן געץ,
בכדי אויסצולאָזן זיין כעס און נקמה צום פארדארבער פון זיין
מוטער און שוועסטער.

אָט די אלע זיינען באשטימט געוואָרן צו משפטן זיסן.
אין זיי האָט געברענט מער שנאה ווי געלט=דאָרשטיקייט. דאָס
פאלק האט געמאנט דעם פסק=דין, און זיי זיינען געווען גרייט
נאכצוגעבן דער דאזיקער פאדערונג. זיי האבן פארגיכערט די
אויספארשונג. די באשולדיקונגס=שריפט פונס רעגירונגס=ראט פיליפ
היינריך יעגער האט ארופגעווארפן אף זיסן אלע עוולות, וואס
זיינען אפגעטאן געווארן אונטער קארל אלכסנדר, אפילו זאכן,
וואָס ער האט בשום אופן ניט געקאנט וויסן וועגן זיי. מען האט אף
אים אליין אַרופגעווארפן די אחריות פאר אלע מועכצן פון אלע
מלוכה=באאמטע, אנגעהייבן פון די מיטגלידער פון קאבינעט ביז
צום לעצטן אנגעשטעלטן. די געצאצקעטע פאַרטיידיקונגס=שריפט
פונס בראוון ליצענציאט מייגלינג האט מען קוים געלייענט. פאר=
בלענדט פון שנאה האבן די ריכטער אריבערגעשפרייזט איבער
די קלארע פאקטן, האבן אין דער באגרינדונג פון פסק קוים אנ=
גערירט די אן אַ צאל טענות, וואס מען האט דורך זיי געקאנט
אפפרעגן זייער קאמפעטענץ, און וואס מחמת דעם איז שוין געווען
אויסגעשלאסן, אַז די פארמשפטונג פון זיס זאל זיין גע=
זעצלעך.

זיי האבן געפסקנט, אַז דער איד איז שולדיק אין אָן א
צאל פארברעכנס: ערשטנס קעגן הערצאג, צווייטנס קעגן זיינע
געטרייע יועצים, מיניסטארן און דער גאנצער נאציע, וואס ער
האט זיי פארשווארצט באַט פירשט און אַריינגעווארפן אין ברוגז
און אין חשד; דריטנס און דער עיקר קעגן פארלאמענט און דער
קאָנסטיטוציע — דאס האבן באוויזן א סך פארארדענונגען זיס·

קודם כל דער רעסקריפט וועגן די קוימענקערערס; און פערטנס קעגן געמיינדעס און איינציקע אונטערטאנען. זיי האבן אים אנער־קענט פאר אַ מאַיעסטעט־פאַרברעכער, מלוכה־פאַרברעכער, מטבעות־פאַרבּרעכער, בוגד און לאַנד־פאַררעטער.

מחמת די דאזיקע טעמים האט דאס ספּעציעלע געריכט, וואס איז באַשטימט געווארן אויסצופאָרשן זיינע פאַרברעכנס, פאַר־משפּט יוסף זים אָפּנהיימער, איד און געוועזענעם פינאַנס־דירעק־טאָר, צום טויט דורך הייגגען. דער דאזיקער מין טויט־שטראָף איז געווארן צוגעמשפּט דעם באַשולדיקטן מחמת דעם, ווייל דאס איז בכלל געווען די געוויינטלעכע שטראָף פאַר די פאַרשידענע פאַרברעכנס, וואס מען האט ארויפגעוואָרפן אויפן באַשולדיקטן; בפרט אבער, ווייל דאס איז געווען אין דער מיט צווישן דער געוויינטלעכער שטראָף פאַר מאַיעסטעט־פאַרברעכער דורך פערטי־לען, צווישן דער שטראָף פון פאַרברענען לעבעדיקערהייט, וואס קומט פאַר מאַכן פאַלשע מטבעות, און צווישן דער בכבודיקער טויט־שטראָף דורכן שווערד.

די הערן זיינען ארומגעגאַנגען אנגעבלאזן. זיי האבן דעם פּסק־דין אריינגעפּאַסט אין אַ פאָרם, וואס האט געהאַט אַ פּנים פון לייטיש. זאלן פּעדאַנטישע יוריסטן ארויסזוכן חסרונות, זיי האבן געוואוסט, דאס פאָלק מיט זיין געזונטן חוש איז אויף זייער צד.

מיט אומרואיקע גלידער איז געזעסן דער דאַרמשטאַטער פינאַנס=ראט און קאַבינעטס=פאַקטאָר באַראָן טאַופנבערגער אין זיין סאַלאָן, וואָס איז געוועזן פול געפּאַקט מיט פּאַפּירן; ער האָט זיך געשפּירט ניט גוט. אַנטקעגן אים איז געזעסן מבולבל, שיין און נאַריש זיין מוטער, מיכאַעלע זים. זינט זיבן יאָר, זינט ער הייסט שוין מער ניט נתן זים אָפּנהיימער, נאָר ער האָט זיך געשמדט און געקראָגן דעם נאָמען באַראָן לודוויג פיליפּ טאַופנ=בערגער, איז זי בא אים אין שטוב ניט געווען, די שיינע אַלטע דאַמע, וואָס האָט אָנגעפילט די פּוסטקייט פון איר לעבן מיט דאגות וועגן טואַלעט, מיט קאָרעספּאָנדענץ, טעאַטער, פּראָטעקציע פאַר יונגע קינסטלער. נסיעות. געזעלשאַפט, פלעגט שטענדיק אויסמיידן דאַרמשטאַט, וואו עס איז געזעסן איר עלסטער זון. זי וואָלט פאַרשטאַנען, ווען דער אינגערער. ווען יוסף, וואלט אַריבערגעגאַנגען צום גלויבן פון זיין פאָטער, עס וואלט איר אפשר נאָך הנאה געטאָן, זי האָט זיך געשפּירט שולדיק און האָט געזוכט אין אים זיין פאָטערס שטריכן, אָבער אַז נתן, דער זון פונם חזן יששכר זיסקינד, זאָל ווערן אַ קריסט, דאָס איז אין אירע אויגן געווען א חטא, וואָס פאַר אים ווענט ווען עס איז געווים קומען אַ שטראָף. מיט ציטערניש האָט זי זיך צוגעקוקט צו זיין הצלחה און זיין אופקום. אַז יוסף, דער פרומער, דער איידעלער, וואָס האָט געראַטעוועט יחזקאל זעליגמאַן, וואָס איז ניט געקוקט אף אַלע נסיונות און רייצן פאָרט געבליבן א איד, אַז ער איז איצט אַזוי שרעקלעך געפאַלן, בעת דער פושע ישראל און דער משומד איז געוואָרן פעט און גרויס, דאָס האָט זי אינגאַנצן צעטומלט און זי האָט ניט געוואוסט פאַר וואָס זיך צו האַלטן.

מיכאַעלע זים האָט איר מאַן, דעם חזן יששכר. אַף איר שטייגער ליב געהאַט. ער איז געווען אַ וואוילער, פריינטלעכער מענטש און א גרויסער זינגער און קאָמעדיאַנט און קודם כל אַ זאנפטער, באַקוועמער מאַן, וואָס איז אַ סך אַרומגעפאָרן און האָט זיך ניט צוגעהערט צו די שלעכטע רייד. וואָס מען האָט פאַר אים געריידט אף זיין פרוי, נייערט ער איז געבליבן שטענדיק

צערטלעך און פול דאַנקבאַרער באַוואונדערונג פון איר שיינקייט. זי האָט בכלל אין איר לאַנגן, רייכן, גרינגען לעבן ליב געהאַט אַ סך מענער. אָבער יענע חדשים מיטן שטראַלנדיקן געאָרג עבערהאַרד היידערסדאָרף זיינען פאַרט געווען די קרוין פון אירע טעג. און אַז ער איז געפאַלן אין שאַנד און עלנט, איז דאָס געווען דער עכסטער ווייטאָק, וואָס זי האָט געשפירט זינט זי לעבט. זי האָט דערנאָך אין איר זון יוסף ווידער דערזען דעם פאָטער, מיט פאַרכאַפּטן אָטעם און שוואַך פון באַוואונדערונג האָט זי זיך צוגעקוקט צו זיין גליקלעכן אופשטייג, גאָר די יוגנט און זיסקייט, גאָר דעם גלאַנץ און רויש האָט זי אין דעם זון ליב געהאַט. זי איז געשוואומען גליקלעך אין דעם אומבאַגרענעצטן גלויבן אין זיין זשעני, זיין שטערן, זיין גדולה. און איצט האָט זיך אין אים איבערגעחזרט נאָך שרעקלעכער די ווענדונג און די ירידה דעם פאָטערס.

זי האָט צוערשט געמיינט, אַז דאָס זונס אַרעסט איז עפּעס אַ דריי, אַ קונץ, אַ פאַרשטעלעניש, אז ער וועט באַלד אַרויס נאָך גלענצנדער ווי פריער. אָבער איצט האָט זי געמוזט איינזען, אַז דאָס איז מאָוימדיקער ערנסט. דעם פּסק=דין האָט מען אמת נאָך ניט געוואוסט, אָבער אַלץ באַשטימטער האָט מען גערעדט אין גאַנץ דייטשלאַנד, אַז די ווירטעמבערגער וועלן אין גאָר די נאָענסטע וואָכן אופהיינגען זייער געוועזענעם פינאַנס=ראַט. דאָס לידל: „דער איד מוז היינגען"! האָט זיך געהערט פייפן ניט נאָר באַם נעקאַר, נייערט אויך דעם גאַנצן ריין אַרוף. איר איז דאָס שרעקלעכע גאַסן=לידל ניט אַרויס פון אויער. זי איז געוואָרן אַלץ אומרואיקער, מבולבלער. האָט געמאַכט אומגעשיקטע פּרואוון צו העלפן דעם זון, האָט געשריבן נאַרישע בקשה=בריוו אין דער וועלט אַריין. וואָלט לכל הפּחות רבי גבריאל געלאָזט הערן עפּעס וועגן זיך! זי האָט צו אים געשריבן א דרינגענדיקן, צעטומלטן בריוו; זי האָט אָבער ניט געוואוסט, צי איז ער אָנגעקומען צו אים; וואָרום עס איז געווען איר השערה, אָבער ניט קיין געוויסע זאַך, אַז ער איז אין האָלאַנד. זי האָט געשריבן צו איר אויס=געגעבענער טאָכטער קיין ווין, זי האָט געשריבן מיט איר צע=

פלויגנעם, אָנמאַרכיקן כתב אַ גאַנצע ריי בריוו צו די ווינער אָפּנהיימערס, האָט זיך באַשלאָסן צולעצט אַפן לעצטן מיטל, זי איז געקומען צו איר עלסטן זון, דעם משומד. איצט איז זי געזעסן, דעם מויל האַלב אָפן, אין מורא, אין האָפענונג, האָט געקוקט אַף אים מיט דערשראָקענע, נארישע אויגן. „וואָס זאָל מען טאָן? וואָס זאָל מען טאָן?" האָט זי געקלאָגט.

דער באַראָן טאַופנבערגער האָט ניט געפונען קיין רו אַף זיין שטול, האָט זיך געדרייט, געפּאָרעט זיך נערוויז און מעכאַניש אין זיינע פּאַפּירן, האָט אַרומגעצאַפּלט. ער איז געווען אַ כמעט קליינער, אַ ביסל צו פעטער מענטש. די הויט ליכטיק און זייער געבאָוועט, די פלינקע אויגן האָבן צו גרויס אַרויסגעשטאַרצט פון קאָפּ, די פינגער האָבן זיך געקרימט דיק, ווייס און באַוועגלעך. ער איז ניט געווען עלעגאַנט, הגם ער איז געווען רייך און זאָרגעוודיק אָנגעטאָן. זיין קריסטנטום איז אים געווען פריקרע ניט געקוקט אַפן גאַנצן אנשטעל פון פרייגייסטעריי. ער פלעגט גערן מאַכן חוזק פון די אידישע מנהגים. פלעגט זיך באַגעגענען מיטן העלמשטעטער פּראָפעסאָר קאַרל אַנטאָן און מיטן געוועזענעם פּאַסטאָר פון דענקענדאָרף יאָהאַן פרידריך פאַולוס וואָס איז געוואָרן אַריבערגעזעצט קיין שטוטגאַרט — ביידע געוועזענע אידן, זיינען זיי איצט געווען פייערדיקע פאַרשפּרייטער פון דער קריסטלעכער אמונה. ער האָט אָבער פון טיפן האַרצן מקנא געווען דעם אינגערן ברודער, וואָס ער האָט אַ סך מער דערגרייכט פאַר אים, און איז פאָרט געבליבן אַ איד. אויך האָט יוסף אים געלאָזט אָפן שפּירן גענוג שפּאָט און פאַראכטונג פאַר זיין שמד. איין מאָל, אַז זיי האָבן זיך געטראָפן באַם קורפּאַלציישן הויף, האָט ער אים קאַלט צוגעקערט דעם רוקן. ווען זיי פלעגן זיך צונויפטרעפן געשעפטלעך, פלעגט באַלד צווישן זיי אַרויס אַ פּראָצעס אָן אַ פּרואוו זיך אויסצוגלייכן, און דעם געשמדטן פלעגט דאָס ערגערן ביז אין בלוט אריין, וואָס דער ברודער האָט אַפילו אין וויכטיקע עסקים, מחמת עקל און ווידערגעפיל, ניט געוואָלט זיך צונויפטרעפן מיט אים פּערזענלעך, נאָר ער האָט געלאָזט אַלץ אויספירן דורך אַגענטן, אַפילו אויב עס

איז דערביי געווען היזק, דעם ברודערס שאַנד און מפּלה האָט אים שטאַרק אָנגערירט, אויך האָט מען פון אים א סך געשפּעט מחמת דעם און געריי́צט זיך מיט אים; פונדעסטוועגן האָט ער איצט ניט געקאָנט פאַרשטיקן אַ שמילן נצחון־געפיל, בעת עס איז פאַר אים געזעסן די מוטער א צעטראָגענע, כדי צו בעטלען א טובה בא אים פאַרן מער געליבטן און באַוואוגע־דערטן זון. „אָט האָט איר דאָס, אָט האָט איר דאָס!" האָט ער איבערגעחזרט עטלעכע מאָל מיט זיין הויכער, העלער שטים. „עס קאָן ניט געמאָלט זיין, אז אימיצער זאָל ארופשטייגן הויך און בלייבן א איד. עס געשיקט זיך אויך ניט", האָט ער זיך געהיצט, מאַכנדיק שטאַרק מיט די הענט. „עס טאָר ניט זיין, עס איז קעגן געטלעכן סדר און מענטשלעכן מנהג".

אָבער מיכאַעלע האָט דאָס ניט געוואָלט הערן. „וואָס זאָל מען טאָן? וואָס זאָל מען טאָן?" האָט זי געקלאָגט, אַלץ אין זעלביקן טאָן.

איז דער געפאַקטער מענטשל אופגעשטאַנען, גענומען ארומלויפן נערוויז, אריבערהויבן איין פעקל פאַפירן פון איין זייט טיש אף דער אַנדערער. „פאַראַן נאָר איין מיטל", האָט ער געזאָגט צולעצט. היות ווי מיכאַעלע האָט אים אָנגעקוקט געשפּאַנט און מיט האָפענונג, האָט ער זיך פאַרמאַסטן און האָט ארויסגעוואָרפן אַזוי ווי כלאחר יד און ווי א זאַך וואָס איז קלאָר פון זיך: „ער מוז זיך שמדן".

מיכאַעלע האָט זיך באַטראַכט. דערנאָך האָט זי געזאָגט אָן מוט: „ער וועט דאָס ניט טאָן". און אין א ווײַלע ארום: „רבי גבריאל ערלויבט דאָס ניט".

דער זון האָט נאָכגעמאַכט מיט חוזק: "ערלויבט דאָס ניט! מיר האָט ער דאָס אויך ניט ערלויבט. וואָלט איך אים גע־פאָלגט, וואָלט, איך אפשר אויך געהאַלטן איצט דאָרט וואו יענער. ערלויבט דאָס ניט! ערלויבט דאָס ניט!" האָט ער זיך געבייזערט, קוויטשענדיק מיט זיין העלער שטים, שטאַרק מאַכנדיק מיט די הענט. „עפּעס אַנדערש ווייס איך ניט", האָט ער געזאָגט פּלוצים, געבליבן שטיין מיט

איין מאָל. און היות ווי ער האָט געזען די מוטער זיצנדיק פארלאָרן און אויסגעלאָשן, האָט ער ווייטער גערעדט: „איך וועל גערן טאָן, וואָס איך קאָן, בכדי איינצוהאלטן פון זיין פארמעגן וואָס עס לאָזט זיך האַלטן. הגם ער האָט דאָס פון מיר ניט פאַרדינט. וואָס מען קאָן פאר אים ראַטעווען אין היידלבערג, פראנקפורט, מאַנהיים, וועל איך דערויף ארופלייגן מיין האַנט. איך וויל אויך קיין געלט ניט זשאַלעווען, צו מאַכן פרואוון אין שטוטגארט בא דער רעגירונג, בא די ריכטער, אין תפיסה. אָבער אויב ער שמדט זיך ניט", האָט ער פארענדיקט מיט א ציפון די אקסלען, "וועט עס קוים גוט אָפּלויפן". באם אוועקגיין האָט מיכאעלע געשטעלט שווערער די טריט ווי באם קומען.

אין שטוטגארט האָט בינתים ניקלאַס פעפלע אָן רו און גלייכמוטיק געארבעט לטובת זיין בעל-הבית. גרויסע געלטער זיינען געפלאסן צו רעגירונגס-אנשטאלטן, צו באאמטע פון געריכט. היות ווי דער הערצאָג-אדמיניסטראטאָר האָט געהאַט באפוילן, מען זאָל פינקטלעך אויספאָרשן, וואָס עס געהער זיסן פולקום געזעצלעך און אַז דעם דאָזיקן פארמעג טאָר מען ניט טשעפּען, האָט דער סעקרעטאַר געהאַט אין זיין רשות רייכע מיטלען. טייערע וואזעס, טעפיכער, שטיינער זיינען אַרויסגעגאַנגען פון זיס' הויז אין דער געשטאלט פון מתנות צום אנדיינק צו איינפלוסרייכע פאַרלאַמענטאַריער, צו הויף- און מלוכה-באַאמטע. וואָס אָפיציעל האָבן זיי מיטן פראָצעס ניט געהאַט וואָס צו טאָן, אָבער אומדירעקט האָבן זיי א סך געקאָנט ווירקן.

דורך כל תפוצות ישראל אבער איז געלאָפן, געשושקעט, פארשפרייט זיך: „ער האָט געראַטעוועט רבי יחזקאל זעליגמאַן פריידנטאַל. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און באשיצט די אידן באם נעקאַר און באם ריין. איצט האָבן זיי זיך צונויפגענומען, אדום און אלע רשעים, און זיינען אָנגעפאַלן אף אים. ער איז געווען פאר זיי צו גרויס, ער האָט פאר זיי אויסגעשטראלט צו פיל גלאַנץ איבער דער כנסת ישראל.

איצט זיינען זיי אף אים אנגעפאלן ווי המן הרשע און ווילן אים הרגען. העלפט און ראטעוועט רבי יוסף זיס אפנהיימער, וואָס איז א גוטער איד, און אַז ער איז געווען אין גדולה, האָט ער געהאַלטן זיין האַנט צו גוטן שוץ איבער כלל ישראל". האָט מען גוזר תענית געווען און מתפלל געווען אין די בתי מדרשים, האָט מען געווירקט אין די קאַנצעלאַריעס און קאַ־בינעטן, האָט מען געקליבן געלט, א סך געלט, אַלץ מער געלט, און אלץ געבראכט צו רבי יחזקאל לאַנדויער, דעם הויף־פאקטאָר און ערלעכן אידן, וואָס די רבנים און די קהלות האָבן אים באשטימט, צו שיצן מיט גאָר דעם כח און פקחות און פארמעגן דעם געפאַלענעם רבי יוסף זיס אָפנהיימער. וואָס האָט געראטע־וועט דעם כלל ישראל פון גרויסער נויט. יצחק לאַנדויער האָט געהאַט אַ פלאַן, ניט קיין באזונדערס איבערגעשפיצטן פלאַן, אָבער דרייסט און גראד. אַף דעם פאַל ווען זיי וועלן טאַקע זיך דערוועגן צו פארמשפטן זיסן. צוליב דעם דאָזיקן פלאַן האָט ער באדאַרפט האָבן געלט. אָן א צאָל געלט. און אָן א צאָל געלט האָט געשטראָמט אין זיינע קאַסעס, מזומן גאָלד, וועקסלען, אָבליגאציעס. דער קלענער מענטש האָט געגעבן ווינציק, דער גרויסער האָט געגעבן א סך, פון אַלע לענדער, פון אַלע קהלות, פון אידן פון גאָר דער וועלט.

יאהאַן דניאל האַרפּרעכט איז געזעסן אין זיין ביבליאָטעק בײַ דער אַרבעט. דער הערצאָג־אַדמיניסטראַטאָר האָט דעם פּסק פון דער קאָמיסיע ניט באַשטעטיקט. באַפוילן צו האַלטן אים בסוד דערווייל און געהייסן צושיקן צו אים, צו האַרפּרעכטן, דעם פּסק־דין מיט גאָר דעם ריזיקן דאָקומענט־מאַטעריאַל, בכדי ער זאָל אַרויסזאָגן זיין מיינונג.

מלא חמה איז געזעסן דער אַלטער מאַן. עס איז געווען דער פאַרטער ווינטער, זינט ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין אורטייל אין ענין פון יחזקאל זעליגמאַן, קענען זיין ווילן געמוזט אָפּראַטע־ווען דעם עיפּושדיקן אידן. איצט האָבן די נאַגנדיקע ווערים גע־האַט אָפּגעלאָזן און זיינען זיך צעקראָכן; די וואָס האָבן זיך גע־ווידמעט, די פּעמע, די אָפּגעפּיטערטע, דער הערצאָג און דער איד, איז דער איינער פון זיי געווען טויט, דער אַנדערער איז געלעגן אָן כח און אונטערן פוס, און עס איז געווען געווענדט אָן אים צוצוטרעטן. יאָ, זיי האָבן גוט געהאַט גענאָגט זינט דע־מאָלט. ער, האַרפּרעכט איז געווען אַ פעסטער מאַן, איצט איז ער דורך זיי אַ זקן, און אַ סך לאַנד און וואלד און פעלד און מענטשישע גופים און מענטשישע נשמות זיין געווען מיאוס צע־פרעסן און צעפּטרט דורך זיי, און דער בחור, דער מיכאל, איז געווען צעגעסן און די זאַנפטע, ליבלעכע עליזאַבעט סאַלאָמעא איז געוואָרן אַ זונה דורך זיי. און אויב דאָס געווערים איז איצט געווען פאַרטריבן און איז זיך צעקראָכן, וועט עס דאָך ווידער קומען, ווי עס איז שטענדיק געקומען צוריק. און דער אַלטער בנין וועט אינגאַנצן איינפאַלן. און איצט זיצט ער און מוז פּסקענען, צי איז דאָס רעכט צו צעטרעטן אָט דעם נאָגנדיקן און שעדלעכן וואָרים.

עס איז געקומען בילפינגער. ער איז איצט געווען דער אמתער רעגענט פון לאַנד, אַ געטרייער רעגענט. וואָס האָט זיך ניט געגריפט מיט זיין מאכט, וואָס האָט געאַרבעט ווי אַ פערד און מיט הצלחה, די אַרבעט איז אים וואויל באַקומען. דער שווערער, פולבלוטיקער מאַן, הגם ער איז געווען איינע

יאָרן מיט האַרפּרעכטן, האָט אויסגעזען מיט צען יאָר אינגער פאַר אים.

„וואָס הערט זיך, הער ברודער?" האָט ער געפרעגט מיט אַ בליק אַפן הויפן פּאַפּירן. „איז עס דאָס נעמלעכע" האָט ער ווייטער גערעדט פּאַוואָליע, מיט אַ פריקרע טעם, ווי דעמאָלט באַם אידן יחזקאל?"

אין דרויסן האָט עס געשנייט ווייך און דיק. עס איז גע־ווען זייער שטיל אין צימער. פון צווייטן חדר האָט מען געהערט די טריט פון יונגען מיכאל קאַפּנהייפּער. „יאָ, הער ברודער", האָט געזאָגט האַרפּרעכט. „עס איז דאָס נעמלעכע. פאַר־מאָל, לויטן אות פון קרימינאַל־געזעץ איז זיין שולד ניט באַוויזן געוואָרן".

בילפינגער האָט גענומען עטלעכע פּאַפּירן, זיי פאַנאַנדער־געטיילט, זיי ווידער צונויפגעלייגט. „צי באַדאַרף מען ניט נעמען אין באַטראַכט, הער ברודער", האָט ער געזאָגט אין אַ ווײַלע אַרום, „אַז ער האָט זיך ערלויבט אין דער קאָנסטיטוציאָנעלער מלוכה ווירטעמבערג צו מאַכן אַזוי פיל אויסנאַמען פון דעם קאָנסטיטוציאָנעל געזעצלעכן, אַז ער מוז נעמען פאַר ליב, ווען מען מאַכט אויך פאַר אים אַן אויסנאַם פון דער געזעצלעכער פאָרם?"

„דאָס איז צו נעמען אין באַטראַכט", האָט געענטפערט האַרפּרעכט. „אָבער ניט פון מיר. פון הערצאָג".

בינתים האָט זיך אויך גערוקט צום סוף דער פּראָצעס פון גענעראַל רעמכינגען, מיטן אַדלמאַן, יעזואיט און עסטרייכישן אָפיצער איז מען זיך ניט באַגאַנגען אַזוי ווייך, ווי מיט די איינ־געזעסענע האַלוואַקס, מעץ, בילער, לאַמפּרעכטס, שעפער, ער האָט ניט געהאַט קיין קרובים אין דער קאַנצעלאַריע, פלעגט שטענדיק באַהאַנדלען אַלץ וואָס ציוויל נאַר ווי טינטלערס, אַלץ וואָס ניט אַדל, בפרט דעם פּאַרלאַמענט, נאַר ווי חמולעס, המון, פּעחל, און אַלע האָבן אים פיינט געהאַט. מען האָט בכן שאַרף־

אויסגעפּאָרשט און געקליבן מאַטעריאַל, וואָס האָט געקלעקט, אויב ניט אַף צו באַשטראָפן מיט טויט, איז לכל הפּחות אַף אייביקע תּפיסה.

איז אָבער אין יענער צייט גראָד פּאַרטיק געוואָרן אין אַלע פּרטים דער פּשרה-אָפּמאַך צווישן קאַרל-רודאָלף מיט דער הערצאָגין דער אַלמנה מכּח דער אַפּיטראָפּסות אַף אַן אופן, וואָס איז געווען זייער גינסטיק פאַרן רעגענט, און איצט האָט ער באַדאַרפט איבערגיין צוגלייך מיט די תּקנות פאַר דער אַדמיניסטראַציע-צייט אין דער קיסרלעכער קאַנצעלאַריע, בכדי צו ווערן דאָרט איבערגעקוקט און באַשטעטיקט. האָט מען דעריבער געהאַלטן, אַז אין אַזאַ מאָמענט איז לחלוטין ניט כּדאַי איינצורייסן מיטן ווינער הויף דורך באַשטראָפן שטרייַנג אַ קאַטויל און אַ עסטרייַכער. און מען האָט באַשלאָסן אָפּצולייגן לעת עתּה די באַשטימונג פון פּסק, און דעם גענעראַל האָט מען דערווייל אַרויסגעלאָזט פרייַ אַף תּקיעת כּף און ערן-וואָרט. ווי מען האָט זיך גערעכנט, האָט טאַקע רעכנונגען אָן מחזקות געבראַכט דאָס וואָרט, איז אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, איז אונטער גענעראַל שולנבורג אַרייַנגעטראָטן אין ווענעציאַנישן דינסט. האָט מען אים פאַרמשפּט פון דערווייַטנס, און ער האָט פּראָטעסטירט שטאַרק אין עטלעכע קלאַג-שריפטן צום קיסר און אימפּעריע. נאָך יאָרן לאַנג האָט ער געשפּיגן קויט, גיפט און גאַל קעגן ווירטעמבערג.

דאָס פאָלק איז געווען אופגעבראַכט, וואָס רעכנונגען איז אַנטלאָפן. איצטער זייַנען אַלע בלוט-הינט אָפּגעקומען אָן אַ שטראָף, זיצן זיך אין עסלינגען, אַ מהלך פון אַנדערטהאַלבן מייל, לאַכן אין די פויסטן אָדער זיי מאַכן נאָך אָן רכילות און שווערקייטן. דעם איינציקן דעם אידן האָט מען נאָך. ער לכל הפּחות מוז זיינס קריגן, ווידער זייַנען געווען די פירער די געהיימראַטן פלוג און פאַנקאָרבאָ, האָבן געהעצט, געצאָלט דעמאָנסטראַציעס. ווילדער, אימפּעטיקער, דרויענדיקער, דרינגענדיקער איז געגאַנגען דורכן לאַנד: „דער איד מוז הייַנגען!“

אַזוי איז געווען דער מצב, בעת האַרפּרעכט האָט אָפּגע-

געבן זיין באַריכט דעם הערצאָג־אַדמיניסטראַטאָר. דער גערעכטער, וואָרהאַפטיקער מענטש האָט ניט געלאָזט פאַרדרייען זיין אורטייל ניט דורך דער שנאה אפן אידן, ניט דורך דאָס צעווילדעוועטע פאָלק, וואָס האָט ווי אין איין קול גערעוועט נאָכן אידנס טויט, ניט דורך דער גענאָד אָדער אומגענאָד פון קאַבינעט און פאַרלאַמענט. דער געלערנטער יוריסט האָט געפּסקנט: די יועצים און מיניסטאָרן, וואָס האָבן אונטערגעחתמעט די פאַרקלאָגטע באַפעלן און תקנות, זיי האָבן באַדאַרפט ווערן אָנגעקלאָגט און באַשטראָפט, וואָרום זיי זיינען דאָך פאַרשוואָרן אַף דער קאָנסטיטוציע, אָבער ניט דער אויסלענדער, וואָס איז ניט פאַרשוואָרן און שטייט ניט אין מלוכה־דינסט. יענע זיינען לויטן רוימישן און דייטשן רעכט חייב מיתה, דער ניט. אָפּגערעכנט איין פונקט, דעם זינדיקן פאַרקער מיט קריסטלעכע פרויען. און אָט דער פונקט קאָן איבער א סך טעמים גאָר ניט גענומען ווערן ערנסט, אויך האָט די קאָמיסיע אים גאָר ניט אַריינגעשטעלט צווישן די די מאָטיוון פון איר פּסק־דין. בכן איז ער געקומען צו דער החלטה, אַז אפן סמך פון די עקסיסטירנדע געזעצן פון דער רוימישער אימפּעריע און פון הערצאָגטום קאָן דער באַשולדיקטער ניט ווערן פאַרמשפּט צום טויט; זאָל מען בא אים צונעמען דעם רויב, ווי ווייט מען האָט דאָס אופגעוויזן, און אים אַרויסטרייבן פון לאַנד.

קליין, אָפּגעניצעוועט, קרום איז געזעסן דער אייזגראָער, באַיאָרנטער הערצאָג און האָט צוגעהערט אופמערקזאַם דעם שווערן, געטרייען, און זאַכלעכן מאַן. „ער מיינט, הייסט דאָס“, האָט ער צולעצט געזאָגט, „די קאָמיסיע האָט פאַרמשפּט מער דעם אידן ווי דעם פאַרברעכער?“ „יאָ“ האָט געזאָגט האַרפּרעכט. אין דרויסן האָט עמיצער אויסגעפייפט דאָס גאַסן־לידל: „דער איד מוז הייגנען!“ דער אַלטער רעגענט האָט געהאַלטן די ליפּן האַרט געשלאָסן. „איך וואָלט געוואָלט, איך זאָל קאָנען טאָן לויט זיין עצה“, האָט ער געזאָגט צולעצט. דערמיט האָט ער דעם יוריסט אָפּגעלאָזט.

אפן צווייטן טאָג האָט ער אונטערגעחתמעט דעם טויט־אורטייל. „בעסער זאָל דער איד דערוואַרגן ווערן על פּי אומ־רעכט”, האָט ער געזאָגט, „איידער ער זאָל בלייבן לעבן לויט רעכט און דאָס לאַנד זאָל ווידער זיין אומרואיק”. און נאָך האָט ער געזאָגט: „דאָס איז א זעלטענע געשעעניש, אז א איד קומט אָפּ פאר קריסטלעכע חטאים”.

דורך די נאַקעטע, פאַרדומפענע גיינג פון דער פעסטונג האָהען=אַספערג, איבער געפלאָנטערטע טרעפ, געפירט פון א ברוגזן קאַפראַל מיט אַ גוואַלדיקן בונט שליסלען, האָט געפלאַטערט מיכאַעלע זיס. באַ דער אַלטער, פאַרצערטלטער דאמע האָט דאָס האַרץ האסטיק געקלאפט, מויערן אומעטום און אָנגעשטעלט כלי זיין, אַ גרויסער דריקנדיקער, שרעקלעכער אַפּאַראַט. דער קאַפראַל האָט געשפּאַנט מיט גיכע טריט פאָראויס, זי האָט קוים מיט מי געקאָנט נאָכהאַלטן, עס האָט איר פאַרכאַפט דעם אָטעם, אָבער זי האָט זיך ניט דערוועגט עפּעס צו זאָגן. צולעצט האָט זיך סקריפענדיק אופגעפראַלט אַ נידעריקע, מיאוסע טיר. זי האָט אריינגעקוקט, שווער פרייכנדיק, אין א נאַקעטן חדר. דאָרט איז געזעסן אף א שלאָף=באנק אן אלטער מאַן, דער רוקן קרום, אָפּגעלאָזן און שלעכט פארפעטיקט, מיט א שמוציק ווייסער, ניט געקאַממטער באָרד. ער האָט עפּעס אונטערגעברומט פאַר זיך מיט א פארחושטן, אידיאָטישן שמייכל. האָט זי געזאָגט קווינקלענדיק צום קאַפראַל: „ניט צו דעם, גוטער מאַן; איך וויל צו יוסף זיס". האָט דער קאַפראַל געזאָגט ברוגז: „דאָס איז דאָך דער איד".

אָנגעפילט מיט טיפער, פארקילנדיקער שרעק האָט מיכאַעלע זיס געקוקט אפן פארשפארטן מענטשן, וואָס האָט איצט פּאַוואָליע צוגעווענדט צו איר דעם פנים, די ברוינע, פינטלענדיקע, א ביסל אַנטצינדענע אויגן. דער קאַפראַל האָט פון אויסוויניק צוגעשלאָסן די טיר, צוקלינגענדיק מיט זיינע שליסלען. דאָס איז איר זון! דער מיאוסער, אָפּגעלאָזענער זקן, עלטער פאר איר, אָט דער אָ איר שטראַלנדיקער זון! אָ, אין אים איז גאָרנישט, דער קלענסטער סימן ניטאָ פון היידערסדאָרף. גיכער איז ער געווען ענלעך, האָט זי באמערקט מיט אימה און חידוש, אף רבי גבריאל, ניט געקוקט אף דער באָרד. זי האָט אים באקוקט דערשראָקן, פול אימה, זי האָט גאָרנישט ניט געשפירט פונם פריערדיקן פרעסנדיקן ווייטאָק, זי האָט געשפירט, ווי ער גליטשט זיך פון איר ארויס, ווי זי איז געוואָרן ליידיק, דאָס איז א פרעמדער, שמוציקער, אָפּגעלאָזענער מענטש, וואָס מען באַדאַרף אף אים, פארשטייט זיך! רחמנות האָבן, וואָרום ער איז געווען פארשפארט און

עס איז אים געווען ניט גוט, און דערצו איז ער נאָך א איד. אָבער זי איז שוין געווען ווידער איינגעשרומפּן אין זיך און איר נשמה איז געווען פאַרהאַרטעוועט. איז זי געשטאַנען, אַ פרעמדע, עלעגאַנטע דאַמע, אַ צעטומלטע פאַר אָט דעם עלנטן, אין שמוץ פאַרזונקענעם מענטשן, און האָט ניט געוואוסט פון וואָס אָנצוהייבן.

אַז זיי האָבן דערנאָך געשמועסט, האָט זי שוין קיין עכט וואָרט ניט געפונען. ער האָט גערעדט צו איר מילד, מיט א גרינגער, צוגעלאָזטער, כמעט קאַטאָוועסדיקער גוטסקייט, און האָט געגלעט אירע זייער ווייסע הענט. זי האָט געוויינט א ביטעלע אָבער קיין איינס פון זיינע ווערטער איז צו איר ניט אריינגעדרונגען. זי האָט אלץ געטראַכט כסדר: דער דאָזיקער אלטער מאַן איז דאָס איר זון! און איז געווען פון הארטע קאָרע ארומגענומען. זי איז בעצם געווען צופרידן, ווען עס איז געווען פאַרביי די שעה, וואָס זי האָט געמעגט בלייבן און דער ברוגזער קאַפּראַל איז געקומען זי אָפּנעמען. האָט זיך פון דער טיר נאָך א מאָל אומגעקוקט פול אימה אפן אלטן מאַן, וואָס איז געווען איר זון. דערנאָך אַז זי איז אוועק פון דער פעסטונג, האָט זי געשטעלט גיכער די טריט.

באַלד נאָכדעם האָט זיך באוויזן אין קאַמער א זאַנפטער, שטילער, טרויעריקער מענטש, האָט זיך גענייגט, איז געווען זייער העפלעך. שטילע, גרויסע, ווייסע הענט, מעלאַנכאָלישע, פליסנדיקע אויגן אין פליישיקן פּנים, וואָס איז געווען בלאָלעך פון גאָלן זיך. ער האָט גערעדט שטילינקערהייט, מיט א באַריידעוודיקער, טרויעריקער שטים. דאָס איז געווען יאָהאַן פרידריך פּאולוס, פריער פּאַסטאָר אין רענקענדאָרף, איצט פריידיקער אין שטוטגאַרט, דער משומד. דער שטאָט-וויקאַר האָפמאַן האָט אים געשיקט. דער שטאָט-וויקאַר וואָלט, אמת, גערן געווען אליין צו געווינען פאַר דער קירך אָט דעם פאַרעקשנטן; אָבער ער האָט געזען, דאָ איז די ווינציק האָפענונג, און זאָל בעסער אַן אנדערער פאַרענדיקן די זאַך, איידער זי זאָל בעסער גאָר ניט געטאָן ווערן. דער געוועזענער איד האָט אפשר געקאָנט טיפער זיך אריינגליטשן, אריינ=

קריכן, אריינשמוכלען זיך אין דער פארהארטעוועטער נשמה, זי מאכן ווייכער.

שטיל און לייטיש איז דער משומד געזעסן בא דער וואנט, נים געקוקט אף זיין באלייבטקייט האָט ער אויסגעזען מאָדנע שאָטנדיק. ער האָט געלאָזט זיינע טרויעריקע מאַנדל-אויגן ארום-גיין איבער דער פוסטער קאמער. האָט גערעדט שטיל. מעשה שמועס. „דאָס אַלץ זיינען נאָר קליידער און מאסקעס", האָט ער געזאָגט. „אייער פּאַלאַץ, די דאָזיקע קאמער, אייער אידישקייט, מיין קריסטנטום: קליידער, מאַסקעס. עס איז נאָר דאָס, ווען עמיצער שפּירט אין זיך דעם שטראָם גאָטס. עס איז דאָס, אַז עמיצער איז אויסדרוקטעניש אין אויסדרוקטעניש, וואָרט אין וואָרט. איך האָב געזען, הער פינאנס-דירעקטאָר, אייער אופשטייג. איך האָב אייך געזען אין אייער גלאנץ און הויך אין בלאָען. איך בין אַ גוטער פריינט און א תלמיד פון רבי יונתן אייבשיץ, וואָס איז ווידער א גוטער פריינט פון אייער פעטער רבי גבריאל. איך האָב אָפטמאָלס געהאט חשק מיט אייך צו ריידן, הער פינאנס-דירעקטאָר. נים ווייל איר האָט אפשר אף מיר געקוקט קרום פון וועגן מיין שמד און מיין קריסטנטום און ווייל איך האָב אייך געוואָלט מחזיר למוטב זיין, ווי איך זע אייך איצט". האָט ער פארענדיקט און זיין גלעטנדיקע שטים איז געווען נאָך שטילער. און ער איז געווען כמעט א פארצימערטער. „זע איך זייער גענוי, אז איך בין געקומען צוליב אונזער ביידנס וועגן, צוליב זיך נים ווינציקער ווי צוליב אייך".

„איר זייט דאָך געקומען", האָט געזאָגט זיס. „בכדי מיך צו באקערן צום קריסטנטום? דער שטאָט-וויקאר האָפמאַן האָט דאָך אייך געשיקט? איז דאָס נים אזוי, הער פאסטאָר? אָדער זאָל איך אייך רופן מורנו ורבנו?" האָט ער געשמייכלט. דער שטילער מאַן בא דער וואנט האָט געזאָגט: „עס איז נים שווער און עס איז וואָלוול, זיך איינצוועקשנען און צו זיין א קדוש. א סך פאר-אכטן מיך, ווייל איך בין געוואָרן אַ קריסט. אָבער די בא-שמוצונג טוט נים וויי. איך ריר זיך נים און וויש זי נים אראָפּ. וואָרום איך האָב דאָס געטאָן נים צוליב ברויט און בגד און

טיטל, נייערט פאר דער אידיי, פאר מיין תורה. איר האָט אייער תורה, אייער אידיי. צי איז אפשר גלייכער אויסצולעבן איינגאנצן די דאָזיקע תורה, ניט צו לאָזן אויסלעשן די ליכט. אפילו ווען מען מוז אָנטאָן אָנשטאָט דעם לבוש אידישקייט דעם לבוש קריסטנטום? צו לעבן אין אזא קאמער", — זיין זאַנפטער, פליסנדיקער בליק האָט זיך א גליטש געטאָן איבער די נאַקעטע ווענט — „איז געווים א פיין, אָבער ווער זאָגט אייך, עקסצע־לענץ, אז אלץ, וואָס איז א פיין, איז א זכות?"

„איר האָט זייער א ליבנסווערדיקע מאַניר, חשובער האר", האָט זים געזאָגט, „איינצופאקן די תורה פון אייער רעליגיע אין אַ פיינער איינפאַקונג. א ווייכע בעט, א וואַרימער חדר, רוקן־פלייש פון אַ סאַרנע, אַלטער מאדייראַ־ווייַן זיינען אָנספּקדיקע, גרונטיקע, געשמאקע אמתן; אויך דאָס וואָס איר זאָגט מכח וואָרט אין וואָרט און אויסדרוכטעניש אין אויסדרוכטעניש קלינגט גוט און לייגט זיך אפן שכל. אָבער זעט נאָר, איך האָב אומגעביטן מיין פּאַלאַץ אין דער זייסגאַס אף אָט דער קאמער. מען האָט זיך געספּקט אין מיין איטלעכן טריט; אין איין זאַך אָבער איז קיינער ניט מסופּק געווען, אז איך בין א גוטער סוחר. מן הסתם האָב איך" — ער האָט א שמייכל געטאָן פקחותדיק — „געהאט מיין גוטן טעם פאר אַזאַ בית. זאָגט דעם הער שטאָט־וויקאר", האָט ער פארענדיקט אופגעלייגט און העפלעך, „און זאָגט אויך צו זיך אליין: איר האָט אלץ געטאָן און גערעדט, וואָס עס איז מעגלעך פאר א מענטשן. עס איז געווענדט אָן מיר, עס איז באמת געווענדט נאָר אין מיר".

געבליבן אליין, האָט ער אונטערגעבאמקעט, געשמייכלט, געשאָקלט דעם קאָפּ. געטראכט פון מיכאעלען. די ליבע, נארישע אידענע. ער האָט זיך געשפּירט שוואך, גרינג, נחתדיק איינגעמידט, ווי א קראנקער, וואָס האלט באַם גענעזן ווערן, שפירט זיך מחיה־דיק אין בעט. אזוי איז ער געזעסן, פארחושט, אפן ביינקל. מיט אמאָל, גאָר אומגעריכט, איז געקומען צו אים דאָס קינד. האָט גערעדט צו אים. עס איז געוואָרן נאָך אַ סך קלענער און אינגער. עס איז געווען קליין ווי א ליאלקע. און עס האָט זיך אוועקגע־

זעצט חידושדיק צו אים אפן אקסל און האָט אים צערטלעך גע־צופט בא דער באָרד און געזאָגט: „נארישער פאָטער! נארישער פאָטער!" זי איז געבליבן אן ערך א האלבע שעה. זי האָט אויך גערעדט. אָבער אלץ וועגן קלייניקייטן, זי האָט גערעדט מיט דער וויכטיקייט און מיטן ערנסט פון קינדער וועגן די טולפן, וועגן אויסטייטשן א פסוק פון שיר השירים, וועגן דעם פוטער פון זיין נייעם ראָק. אַז זי איז געווען אוועק, האָט זיך געאָטעמט ווי א שלאָפנדיקער, דעם מויל האלב אָפן, גליקלעך. אזוי גערופן האָט ער זי, און זי איז ניט געקומען, מיט ווילדע, הייסע, נארישע מעשים זי גערופן, א פלאקערדיקן, גוואלדיקן טויטן־קרבן פאר איר אָנגעצונדן, און זי איז ניט געקומען. וואָס פאר א שוטה ער איז געווען! זי איז דאָך געווען אזוי קליין, אַזאַ קליינער, זאנפ־טער, בארוטער מענטש איז זי. וואָס האָט זי געזאָלט טאָן מיט זיינע גרויסע, פלאקערדיקע, שרייענדיקע מעשים און קרבנות. אָבער איצט אז ער איז שוין געווען אינגאנצן שטיל און האָט שוין געהאט שלום געמאכט מיטן געדאנק זי ניט צו זען, איז זי פלוצים געקומען, און דאָס איז געווען א גרויס, אויספילנדיק גע־שאנק. ער איז ארומגעגאנגען אין זיין קאַמער אהין און אַהער. זיינע פינף מיט א האלב טריט, און די קאמער איז געווען רייך און פול און גאָר די וועלט, און ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט און האָט געלאכט, אליין און מעשה אינגל און אפן קול און גליקלעך, אז דער וועכטער אין קאָרידאָר האָט זיך דער־שראָקן און מיט חשד א קוק אריין געטאָן אין קאַמער.

דער מאַיאָר גלאַזער האָט אָנגעזאָגט זיסן, ער זאָל זײַן גרייט, אויף אַנדערן טאָג אין דער פֿרי צופֿאָרן קיין שטוטגאַרט. דער מאַיאָר האָט געוואוסט, אַז דער ייִד פֿאָרט קיין שטוטגאַרט. אויסצוהערן זײַן פּסק־דין, אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין באַפֿעל אים דאָס צו זאָגן, און אַליין האָט ער דאָס ניט געפֿונען פֿאַר נייטיק. זיסן, וואָס האָט נאָך געשפּירט דעם לינדן נאָך־טעם פֿון נעמים ווערטער, האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מען לאָזט אים אָפּ צוריק אין זײַן הויז און אויף דער פֿרײַ. ער האָט בשום אופֿן ניט געהאַלטן פֿאַר מעגלעך, אַז מען וועט אים נעמען דאָס לעבן קעגן בפֿירושן אות פֿון געזעץ. מיט גוטמוטיקן קאַטאָוועס און גרינגען געמיט האָט ער געזאָגט, אַז ער פֿרייט זיך איבערן שיינעם וועטער פֿאַר דער נסיעה, האָט געפֿרעגט דעם קאָמענדאַנט, וואָס איז געווען אַ גרויסער טאַבאַק־שמעקער, צי ער זאָל אים ניט צושיקן אַ טאַבאַק־פּושקע צום אָנדענק. געלאַסן האָט דער מאַיאָר זיך אָפּגעזאָגט; נאָר ער האָט דערלויבט, קוים צו באַהאַלטן דעם שמייכל אויף זײַן האַרטן פּנים, אַז זיס זאָל אָנטאָן צוליב דער נסיעה זײַן פּאַראַד־ראָק. אויך פֿאַרן שליסער האָט זיס גערעדט אין גרינגע, שוועבנדיקע ווערטער מכּח דעם, אַז ער גייט צוריק צו דער פֿרײַ, און האָט געגעבן דעם פֿאַרוואונדערטן מענטשן, וואָס האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, אַן אָנווייזונג אויף אַ היפּשער סומע לעצטגעלט.

אין אוונט, אַז ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף זײַן האַרטן בײַנקל, האָט ער זיך געשפּירט אינגאַנצן גרינג און גליקלעך. ער וועט איצט אַוועק ערגעץ קיין אויסלאַנד, אַפֿן ברעג פֿון אַ אָזערע אָדער פֿון ים, פֿאַרקלייבן זיך אין אַ קלענער, שטילער נעסט און לעבן זיך גאָר קליין און מילד לײַכטנדיק, עטלעכע יאָר אָדער אפֿשר גאָר ניט. אָדער אינגיכן וועט ער גרינג און שטיל פֿאַרקלינגען און צווישן מענטשן וועט בלײַבן נאָר אַ נאַרישער, קנאַקעדיקער אָפּהילך פֿון זײַן לעבן און פֿון זײַן טועכץ, און דער דאָזיקער אָפּהילך וועט סײַ אין גוטן סײַ אין בייזן זײַן גאָר אַנדערש און שטאַרק פֿאַרדרייט; אָבער באַלד וועט אויך זײַן נאָמען מער גאָר נישט באַטײַטן, וועט זײַן ניט מער ווי עטלעכע

אותיות אָן א זין; צולעצט וועלן אויך זיי פאַרקלינגען און עס וועט זיין אַ גרויסע, לויטערע שטילקייט און נאָר א שוועבן און אַ צאַרט לייכטן אין דער אויבערשטער וועלט.

דעם אנדער טאָג אין דער פרי, עס איז געווען אַ פראסטקאַלטער, ווייסער, זוניקער טאָג איז זים אָפגעפאָרן בכי טוב. נים געקוקט אַף דער קעלט אין אַן אָפענעם קאַראָט. ער איז זיך געזעסן איינגעזבויגן אין דער טיף, אַ וועכטער נעבן אים, א וועכטער אים אַנטקעגן. אַ שטאַרקע שמירה איז אויך געווען פון ביידע זייטן פון קאראָט, פון פארנט, פון הינטן. ער האָט געוואלט פריער ריידן מיט זיינע באַגלייטערס, נאָר זיי האָבן געהאַט א שטריינגען באַפעל אים נים צו ענטפערן. ער האָט זיך נים מצער געווען. ער איז געזעסן אָנגעשפּאַרט, געאָטעמט, געשמעקט, געשלונגען, געזוען, געטאַפּט די ריינע, פרייע, באגליקנדיקע לופט גאָטס נאָך פיל פאַרדומפענע חדשים. אַ בליק, וואָס שטויסט זיך נים אָן אָן אַ מויער. וואָס פאַר א מחיה! בוימער, זאַנפטער, פראכטיקער ריינער שניי אף זיי. ווייט, ווייס פעלד, וואָס גיסט זיך ווייך און צערטלעך אין הימל אריין. ברייטע וועלט, פיינע, שיינע, ריינע, ברייטע וועלט! לופט! פרייע, ליבע וועלט! זי האָט אים ארומגעכאַפּט, דעם פארשפאַרטן, דעם אָפגעוויינטן. ער איז געזעסן שלאַבעריק און שוואַך און אויסגעשעפּט; ער איז אָבער געווען גליקלעך. ער האָט געהאַט פאנאנדערגעעפנט דעם רויטן, גאָלד=געהאפטענעם טאַפּט=ראק מיט וואָליקן סאַמעט=פוטער, אַפילו דעם גרינעם, גאָלד=באַזוימטן קאַמזויל האָט ער געעפנט פאַר דער לופט. די פיס אין די ברוינע הויזן האָבן געציטערט און זיינען געווען זייער שוואַך. דער סאַמעטענער הוט און דעם פאַרוק, וואָס האָט זיך שלעכט געהאַלטן אף די שלעכט געפילנעוועטע האָר, האָט ער געהאַט אַראָפּגענומען, ער האָט געלאָזט דעם מחיהדיקן ווינטל, וואָס איז געקומען פון גיכן פאָרן, גלעטן די ווייסע האָר.

אָבער אין שטוטגאַרט באם טויער איז געשטאַנען געדיכט דער פעולל. האָט געוואָרט, געשריען, געוואָיעט, אז דער קאָטש איז אָנגעפאָרן, געוואָרפן שטיינער, קויט. האָט זיך א וואָרף געַ

טאָן אָפּן אידן, אַרויסגעריסן אים, געשטופּט, געשטו־כעט אים אַהין און אַהער, געצופּט אים בײַ דער ווײַסער באָרד. מען האָט קינדער אופגעהויבן: „קוקט נאָר אַהער! אָט איז דער היצל. יודאָס, מער־דער, חורשער אידן!“ געשפּיגן, געטראַטן, צעריסן דער פײַנער, רויטער ראָק, אין קויט געטראָטן דער גרויסאַרטיקער סאַמעטע־נער הוט. די פון בלאָען באַק האָבן געזאָגט מיט אומעטיקער, סאַנטימענטאַלער באַפרידיקונג: „דאָס האָט נאָך באַדאַרפט דער־לעבן דער קאָנדיטאָר בענץ עליו השלום“. נאָר מיט מי האָט דער וואַך אָפּגעגאָלטן אַרויסצורײַסן דעם אידן. אַזוי איז ער איצט געזעסן אין קאַראַט, שווער געאָטעמט. דער גראָער פּנים צעגראַבלט, רינעלעך פון שפּײַעכץ און בלוט געדונען פּאַוואָליע אין דער צעצופּטער באָרד אַרײַן, זעלנער אַרום אים, סטראַשענ־דיק געווענדט קעגן המון, די האַנט בײַם געווער.

דער געשרײַ און גוואַלד איז אַרײַנגעדרונגען אויך אין גרויסן צימער, וואו עס איז געלעגן מאַגדאַלען סיבילע, וואָס איז פאַרגאַנגען אין האָבן א קינד פון עמונאל ריגער. דער עקספּע־דיציע־ראַט וואָלט גערן געוואָלט, זי זאָל גײן צו קינד אָפּן לאַנד, אין איר שײנעם הויף ווירטיגהײם; היות ווי זי האָט ניט אַנדערש געוואָלט, מען האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס, דוקא בלײַבן אין שטאָט, האָט ער נאָכגעגעבן. איצט איז זי געלעגן אין ווײַען, אַ פלווידערדיקע הײבאַם האָט זיך אַרומגעפּאָרעט אַרום איר, דער עקספּעדיציע־ראַט איז געגאַנגען אַרײַן און אַרויס בלאַס, גרייט צו דינען, הכנעהדיק און פאַרשוויצט. הגם זי האָט אויסגעוויזן בריײט און גוט געוואַקסן צום געבוירן, איז דאָך דאָס האָבן ניט גע־ווען אַזוי גרינג, ווי מען האָט געהאָפט. זי איז געלעגן, געשריען, געשפּאַרט זיך, געקוועטשט, געקײַכט. איצט איז געקומען א מינוט פון דערלײַכטערונג, אָפּגעשוואַכט, בלאַס, באַדעקט מיט שווייס, האָט זי זיך געטרײַסלט, אלע ווײַלע אופגעשווידערט. אין דער שטיל האָט אַרײַנגעקלונגען דאָס וואיען פון המון, גאַנץ דײַטלעך האָט מען געהערט די גאַסן־ליד: „דער איד מוז הײַנגען“! דער עקספּעדיציע־ראַט האָט זיך געריבן די הענט. „א גוטער סימן“, האָט ער געזאָגט. „דאָס קינד ווערט געבאָרן אין מזל פון גע־

רעכטיקייט". אבער זי האָט געקוקט פול שנאה אף דעם מאָגערן, ניבזהדיקן מענטשן און האָט מתפלל געווען אין דער שטיל, אָן גראַמען און צאַצקעריי, דרינגלעך און שטאַרק: „גאָט אין הימל! לאָז דאָס ניט ווערן ווי דאָ! גאָט אין הימל! דו האָסט מיר אזוי פיל צעפּטרט, דאָס גיב מיר, דאָס צום ווייניקסטן גיב מיר, אז מיין קינד זאָל ניט ווערן ווי דער דאָ!"

זיסן האָט מען דערוויל געבראַכט אפן ראטהויז. דער גרויסער זאל איז געווען פולגעשטאָפּט מיט צוקוקערס, די ריכטער־קאָלעגיע איז געווען פארזאמלט, פייערלעך אין שווארצע מאַנטלען. דער איד האט געזען דעם גוטמוטיק ברוטאלן, מאַסיגן פּנים פון גאַיסבערג, דעם פיינעם, לצעדיקן פּנים פון שיץ מיט דער קרומער נאָז, דעם האַרטן, אכזריותדיקן, מאָגערן פּנים פון פלוג, אפילו דער פּנים פון יונגען געץ, וואָס איז געוויינטלעך געווען פוסט, אָן טעם, ראָז, איז איצט קענטיק געווען אופגעלעבט פון שנאה, נקמה, נצחון. דעמאלט האט ער איינגעזען, אז ער איז באשטימט ניט צו פרייהייט, נאָר צום טויט. און דאָ האט שוין דער פּרעזידענט, דער געהיימראט גאַיסבערג, אנגעהייבן מיט זיין האַרטן, הילכיקן, שטייפן קול פאָרצולייענען דעם פּסק־דין. זיס האט געהערט אין מאָנאָטאָנעם בייט לאַנד־שאדן, גזלה, רויב, בגידה, מאַיעסטעט־פארברעך, מלוכה־פארברעך און דעם אויספיר, א ער זאל געטויט ווערן דורכן שטריק. ער האט געזען און דעם שוטארק אנגעהייצטן זאל דעם געדיכט צונויפגעשפּארטן המון, אַלע די גרויסע האַרן, די מיניסטאַרן, פּארלאַמענטאַריער, גענעראַלן, בלאָזנדיק פון זיך, שוויצנדיק, פול מיט געפיל פון גרויסקייט. ער האט געזען די קליינע, מיאוסע חיהלעך, וואס אז די גרויסע חיה האָט מיטן גוטן ווילן זיך אויסגעשטרעקט און איז געלעגן אומבאשיצט, פאַלן זיי אלע אָן אף איר, בייסן זיך אריין, פויזן אריבער איינע איבער די אנדערע, אזוי אז איטלעכער זאָל נאָך קאָנען ווי משוגע אריינשטעקן די ציין אין דעם שטיק לעבן, וואס האַלט בא אויסגיין. נאר פּלוצים איז אין אים ווידער געווארן דער אַלטער זיס. האָט אראפּגעוואָרפן די הכנעה, גענומען ריידן, אָט דער אַלטער, געבראכענער מאַן, באדעקט מיט בלוט און מיט

קוים פון די פייניקונגען, האָט זיך אופגעשטעלט, געענטפערט זיינע ריכטערס, אראפגעקראצט פון פסק-דין, אייזקאלט זאכלעך, שניידנדיק, דעם פאטעטישן טינק אראפ. שטיל האָט מען אויסגעהערט זיינע ערשטע זאצן. דערנאך אָבער האָבן זיך אַ ווארף געטאן אף אים, רויט פארלאפן איבער אזא חוצפה, די פירנעמע הארן, נים אנדערש ווי דאָס פאָלק, האָבן גערעוועט, געשלאָגן אים מיט דער פלאַכער זייט פון שווערד. און פונקט ווי פון פאלק אזוי האט די וואך נאר מיט מי געקאָנט ארויסרייסן דעם פארמשפטן פון זייערע הענט. אַז מען האט אים ארויסגעפירט, דורכן רעשדיקן זאַל, האָבן אים נאָכגעיאָגט די הארטע, חוזקדיקע ווערטער פונם געהיימראט פלוג: „ער האָט געזאגט, איד, אַז העכער ווי די תליה איז, קאנען מיר אים ניט הייגען. מיר וועלן אים דאָס באווייזן“.

מיט אײל-פּאָסט זײנען געפאָרן פון האַמבורג רבי גבריאל אָפּנהײמער פאַן סטראַאַטן און רבי יונתן אײבשיץ. בײדע מענער האָבן אױף דער לאַנגער נסיעה גערעדט נאָר דאָס נױטיקסטע. זײ האָבן געזען די װיגנדיקע קלובעס פון די פערד, װאָס האָבן זיך אָפּגעבײטן, ברױנע, שװאַרצע, װײסע; זײ האָבן געזען דאָס לאַנד, װאָס האָט זיך פאַרבײגעגליטשט, פלאַכע פעלדער, בערג, װעלדער, טײכן, װײנבערגלעך. אָבער נאָר זײערע אױגן זײנען געװענדט דערױף, ניט זײער זינען. מײלן-שטײן נאָך מײל-שטײן האָט זיך געװיזן, איז פאַרשװאונדן. זײ האָבן געזען נאָר דעם פּנים, װאָס זײ האָבן געשטרעבט צו אים, אַז זײ זאָלן גרײכן צו אים, אײדער ער װעט זײן אױסגעלאָשן.

רבי גבריאל איז געזעסן װי שטענדיק מיט זײן מאָסיגן, אָנגעברוגזטן פּנים, מיטן דיקלעכן גוף און גרױסבירגערלעכע, עטװאָס אַלטמאָדישע קלײדער. רבי יונתן, אין דער ײדענער זשופּיצע, מיטן פּקחותדיקן, ניט אַלטן פּנים, װאָס האָט מילד אַרױסגעלױכטן פון דער װײסער, מילכיק בלישטשענדיקער באָרד, האָט נאָך תּאװהדיק װעלטלעכע װאָבן זיך װידער געהאַט אָפּגעטוקט אין דבקות, אין ידיעה, אין גאָט. די לעצטע צײט און די איבערקערעניש אין זײן האָט אים צוגעצױגן מיט אַכזריותדיקן צוצי. דאָס איז ניט געװען דאָס בילד פון דעם דאָזיקן אונטערגאַנג. ער און רבי גבריאל, הגם זײ האָבן װעגן דעם ניט גערעדט, האָבן געװוּסט, געשפּירט די אױסטערלישע פאַרפלאַכטנקײט פון גוטן װילן און צװאַנג אין דעם דאָזיקן סוף. דאָס אײנס-קעגן-אַנדערן, דער פאַרבאָרגענער פאַרבאַנד, דער שטראָם פון יענעם צו זײ האָט איצט געהאַט אױך פאַרכאַפּט רבי יונתן, געהױבן אים, אַראָפּגעלאָזט. ער האָט אין יענעם געשמעקט, אײנער פון די שטאַרקסטע װאַרצלען פון אים איז געשטאָרבן אין יענעם. אַזױ זײנען בײדע מענער געפאָרן, דאָס אױג גראָד פאַראױס, אַנטקעגן דעם טױט פון יוסף זיס, װאָלקיק שװער האָט אַרום זײ געהױערט די אײנזעעניש פון זײער בינדונג.

אױך אױף אַנדערע װעגן האָט מען געצױגן קײן שטוטגאַרט, צו זיסן, פון װעגן זיסן. מיט גרױס שמירה און באַדעקונג איז

געקומען דער הויף=פאקטאר יצחק שמעון לאנדויער; הגם ער פלעגט געוויינטלעך פארן זייער פשוט, האט ער איצט מיט זיך גענומען דריי אידישע קאסירערס און חוץ דער גדונגענער פאָליציי=וואַך נאָך א פאר קרעפטיקע, געטרייע יונגען. עס זיינען געקומען: דער קליינער, דארער רבי יעקב יהושע פאלק, דער פראנקפורטער רב, און דער דיקער, היציקער רב פון פירט. די דריי מענער האבן זיך צונויפגעטראפן ניט ווייט פון שטוטגארט, זיי זיינען געווען געמאלדן צו אַן אודיענץ באם הערצאג=אפיטרופס, און מען האט געזארגט דערפאר, אַז באם אריינפארן זאל מען זיי ניט פארטשעפען.

קארל רודאלף האט זיי אופגענומען אין בייזיין פון בילפינגער און פאנקארבאָ. האט געזאגט דער רב פון פירט: „אייער דורכלויכט זיינען באריממ אין גאר דער וועלט פון וועגן דער גערעכטיקייט. איז דאס גערעכט, ווען די רויבער זיצן זיך אין רייטלינגען און אין עסלינגען און לאכן און פרעסן זייער רויב, און דער איד, וואס איז ווינציקער שולדיק אנטקעגן געזעץ, מוז אָפּקומען פאר זיי? אייער דורכלויכט זיינען גערעכט קעגן הויך און נידעריק, קעגן שוואב און עסטרייכער, קעגן קאטויל און פראטעסטאנט. זייט גערעכט אויך קעגן אייער איד.“ האט געזאגט דער רב פין פראנקפורט. „רבי יוסף זיס אָפנהיימער איז געשטאנען אויבן=אָן בא אידן. ער איז געבארן פון אַן אלטער, חשובער אידישער משפחה. וואָס ער האט געטאן, וועט מען זאגן, דער גאנצער אידישער כלל האט דאס געטאן. און אויב מען וועט אים אופהיינגען און די קריסטן, זיינע שותפים, וועלן ארומגיין פריי, וועט מען זאגן, אז אידן זיינען שולדיק אין אלץ, און עס וועט קומען פרישע שנאה און רדיפות און רשעות אף אלע אידן. אייער דורכלויכט זיינען א גנעדיקער פירשט, אייער דורכלויכט ווייסן וואויל, אַז דער איד איז שולדיק ניט מער און ניט ווייניקער ווי זיינע חברים, די קריסטן. עס וועט קומען א פארביטערונג איבער דער וועלט און נייע פורעניות איבער די געטראטענע און גדריקטע, אויב ער זאל ווערן אנדערש געמשפט ווי די איבעריקע. מיר בעטן אייער דורכלויכט פון פארווייטאקטן און געבראכענעם הארץ

אַרויס גנאַד פאַר דעם איינעם און פאַר גאָר דעם אידישן כּלל.״

האָט געזאָגט יצחק לאַנדויער: „וואָס עס האָט געטאָן רבי יוסף זיס אָפּנהיימער, האָט גורם געווען, אַז עס האָט געליטן שאָדן און געלט און גוטס דער און יענער און דאָס לאַנד ווירטעמבערג. וואָס עס איז געזינדיקט געוואָרן דורך געלט, קאָן ווערן פאַריכט דורך געלט. מיר האָבן זיך צונויפגענומען, דער גאַנצער אידישער כּלל, און מיר האָבן צונויפגעקליבן געלט, אַ סך געלט, אומגעהייער פיל געלט. און אַזוי זיינען מיר געקומען און מיר בעטן אייער דורכלויכט: לאָזט פריי רבי יוסף זיס אָפּנהיימער. מיר וועלן פאַריכטן, וואָס ער קאָן האָבן געזינדיקט, מיר וועלן דאָס פאַרגיטיקן כּפל כּפלים, אַז דאָס לאַנד ווירטעמבערג זאָל אויפבליען און וואַקסן. מיר באָטן אָן, אויב איר לאָזט אַרויס פריי דעם איד יוסף זיס אָפּנהיימער, אַ פרייוויליקן אויסקויף פון פינף מאָל הונדערט טויזנט גילדערנע רענדלעך.״

שווייגנדיק האָבן דער הערצאָג-אַדמיניסטראַטאָר און ביידע מיניסטאָרן אויסגעהערט די אידן. באַם אָנבאָט פון יצחק לאַנדויער האָבן זיי זיך אַ טרייסל געטאָן. דער אָנבאָט איז געווען אַ חוצפּה. אָבער די סומע איז געווען אַזאַ גוואַלדיקע, אַזוי פיל גרעסער, איידער דער העכסטער סכום, וואָס איז ווען עס איז געווען געשטאַנען אין ביודזשעט פון הערצאָגטום ווירטעמבערג, אַז מען האָט דעם דאָזיקן אָנבאָט ניט געקאָנט אַוועקמאַכן מיט אַזעלכע פּשוטע ווערטער ווי חוצפּה און עזותקייט. פינף מאָל הונדערט טויזנט גאָלדענע רענדלעך! צו וועלן אויסקויפן יוסף זיס איז געווען אַ חוצפּה און אַ נאַרישקייט. צו וועלן אויסקויפן יוסף זיס פאַר אַזאַ אומגעהייער גרויסער סומע איז געווען אַ דרייסטער, געניאַלער פּראָיעקט. וואָס האָט פאַרחידושט דורך זיין גרויסאַרטיקער תּמימות. דאָס טאַקע האָט יצחק לאַנדויער אויסגערעכנט. דערויף האָט ער געבויט זיין פּלאַן. ער איז געווען פון לכתּחילה באַזיכערט, אַז מיט דרייעניש, מיט טענות, מיט מאָנען יושר, מיט בעטן גענאָד וועט מען דאָ גאָרנישט פּועלן. אפשר קאָן ווירקן אַזאַ האַמעטנער, תּמימותדיקער אַרויסטרעט. פאַר געלט האָט מען געקאָנט קויפן אַלץ אין דער וועלט: ערד און בהמות,

באַרג, טײַך און װאַלד, קיסר און פּויפּס, קאַבינעטן און פּאַרלאַמענטן. פאַר װאָס זאָל מען בײַ די דאָזיקע שװאַבישע גוים ניט קאָנען אָפּקויפן זײער נקמה און זײער פּוסטע פלוידערײַ פון גערעכטיקײט. זי איז אים טײַער, דעם דאָזיקן הערצאָג, זײַן נאַרישע קרומע גערעכטיקײט. גוט, באַצאָלט מען אים פאַר איר טײַער. פינף מאָל הונדערט טױזנט גילדערנע רענדלעך. דערפאַר האָט מען געקאָנט פאַר נויט קויפן אַ קלײן הערצאָגטום: דאָס איז געװען אַ גוטער מקח פאַר אַ שטיקל אַזױ גערופּענער יוסטיץ.

אײדער די הערן האָבן באַװיזן צו קומען צו זיך פון זײער חידוש, האָט יצחק לאַנדױער װײַטער גערעדט: „מיר צאָלן ניט אין װעקסלען, מיר צאָלן ניט אין אָבליגאַציעס. מיר צאָלן געלד, בלישטשעדיקע גאָלד. גילדערנע רענדלעך, קײַלעכדיקע, ניט אַרומגעשניטענע.“ ער האָט זיך צוגעשאַרט צו דער טיר, אַ װאונק געטאָן צו זײַנע מענטשן מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און מיט אַ שמײכל פון אויבן אַראָפּ, װאָס דערװעקט פאַרװאונדערונג. אין שטומער, געשפּאַנטער געבונדקײט האָבן דער רעגענט און זײַנע מיניסטאָרן געקוקט אויף די יונגען, װאָס זײַנען אַרײַנגעקומען. זײ האָבן געטראָגן זעקלעך, קלײנע, שװערע זעקלעך, זײ האָבן זײ איבערגעקערט אויף אײן װאונק פונם דאָזיקן פאַרשלומפּערטן מענטשן. אַ פלײץ אַרױס האָט געגעבן גאָלד, מטבעות פון אַלע װאַליוטעס, רויט גאָלד, שפּאַניש, אַפריקאַניש, טערקיש, פון אַלע עקן װעלט, האָט זיך געהויפנט, געטורעמט, ניט אויפגעהערט, אויסגעװאַקסן איבערן קאָפּ פון אַמענטשן, אויסגעשפּרײט זיך דיק װי אַן אויסגעװאַקסענער דעמב. אַ באַרג פון גאָלד. שטום האָט געקוקט דער קלײנער, קרומער, אָפּגעניצעװעטער הערצאָג, דער מאַסיגער בילפינגער. דאָס באַרטעלעמי פּאַנקאָרבאָ האָט אויסגעשטרעקט דעם אויסגעדאַרטן, בלאָרויטן קאָפּ פון דעם אַלטפרײַנקישן קאָלנער אַרויס. זײַנע דאַרע פינגער האָבן זיך אויסגעצויגן, געקרימט זיך, האָבן לײַנגער ניט געקאָנט בײַשטײן האָבן געגלעט דאָס גאָלד, דאָס ליבע גאָלד, האָבן זיך געבאָדן אין שטראָם אָן אַ סוף. יצחק לאַנדױער איז געשטאַנען דערנעבן אין זײַן פאַרשלומפּערטער קאַפּאָטע די פאות ניט פאַרקאַמט, אין

ניט קיין שיינער, עפּעס מאָדנער, האַלטונג האָט צוגעשמייכלט מיט אַ שמאָך, געהאַלטן אין אָרעם שטייף צוגעדריקט צום קערפּער, די דלאָניע אויסגעדרייט אַף אויבן, מיט דער אַנדער האַנט האָט ער זיך געקאַמט דאָס געלע, אָפּגעבלאַקירטע ציגן-בערדל.

יצחק לאַנדויערס אָנבאָט איז געוואָרן אָפּגעוואָרפן, אָבער די רייד פון די אַלטע רבנים האָבן אָפּגעקלונגען אין הערצאָגס נשמה. ער איז אומגערעכט! ער איז געווען געצוואונגען צו זיין פאַרן טויט אומגערעכט. ניט נאָר אַנטקעגן זיך, נייערט אויך אַנטקעגן די איבעריקע אידן. פאַרמעג האָט אים ניט גענומען, גאָלד האָט אים ניט גערירט. אָבער די דאָזיקע מענטשן זיינען דאָך געווען להוט נאָך דעם. גאָלד, גאָלד! דאָס איז געווען זייער לעבן און זייער זינען. און פונדעסטוועגן האָבן זי מיטן גוטן ווילן געגעבן אַזעלכע רייכע נדבות, געצאָלט אַזאַ גרויסן צינז. בכדי אָפּצואווענדן זיין עוולה. זיין חוב איז געווען קלאָר: ער האָט קודם כל באַדאַרפט געבן גערעכט זיינע שוואָבן, בכן טאָן אומגע-רעכט די אידן. אָבער דער דאָזיקער באַרג פון גאָלד האָט גע-דריקט, געשייערט אים ביז וואונדן.

אין אַ דרינגלעכן בריוו האָט ער געבעטן דעם הערצאָג קאַרל פרידריך פון ווירטעמבערג איילס, ער זאָל אים באַזוכן. ער האָט געהאַט בדעה אים אָפּצוטרעטן די אַפּיטרופּסות און די רעגענטשאַפט. ער האָט געטאָן וואָס ער האָט געקאָנט, בכדי אַרויסצוציען דאָס לאַנד פונם מיאוסטן טינוף, ער האָט דאָס אויך דערגרייכט. גערעכטיקייט! האָט ער געזאָגט. חוב! אַוטאָריטעט! אָבער עס איז ניט מעגלעך געווען צו פירן אין דער איצטיקער צייט די רעגירונג לויט די דאָזיקע פּרינציפּן. ער האָט געמוזט צוזען, ווי מען האָט אַרויסגעלאָזט די זשוליקעס, וואָס זיי האָט געקומט טויט-שטראָף, איצט מוז ער צוזען, ווי מען הייגגט אוף דעם אידן, הגם דאָס איז געווען אומגערעכט. ער איז געווען אַלט איין-און-זיבעציק יאָר און מיד. ער האָט געשפּירט, ווי עס גייען אַוועק זיינע כחות פון גוף און נשמה. עס איז אים שווער, האָט ער געשריבן דעם קיסר, האָט ער

דערקלערט די מיניסטאָרן, אופּצופּאַסן אַלע פּרטים פון אַזאַ פאַרפּלאָנטערטער און וויכטיקער רעגירונג, לויט ווי אים וואָלט זיך דאָס געוואָלט. ער האָט געבּיינקט, דער קרומער, אָפּגעניצע־וועטער, ערליכער סאָלדאַט, נאָך דער פוירשער רו פון זיין קליינער, אַרומגעוואַקסענער נייענשטאָט, נאָך אַ שטילן טויט.

נאָכדעם ווי זיס האָט באַם פּאַרלייענען דעם פּסק־דין זיך געהאַלטן אַזוי חוצפּהדיק און ווידערשפּעניק, האָט מען אים אָפּ־געפירט אין הערן־הויז וואו ער האָט באַדאַרפט בלייבן, ביז מען וועט אויספירן דעם פּסק; דאָרט האָט מען אים געשמידט אין קייטן הענט און פיס און איינגעשפּאַרט אין אַ נאַקעטער, אינגאַנצן ליידיקער קאַמער אויף אַ גאַנצן טאָג אָן עסן. נאָכן אופּ־ריים פאַר די ריכטערס איז ער באַלד ווידער געוואָרן שטיל, האָט באַקוקט, שמייכלענדיק, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, דאָס בלוט און שמוץ, וואָס דערמיט איז ער געווען באַדעקט. ער איז געזעסן איינגעקאָרטשעט, איינגעקרימט אין די קייטן, אויף דער ערד באַ דער וואַנט פון פּוסטן, ניט פינסטערן חדר. המן דער שני למלך פון אחשורושן, האָט אים באַזוכט; ער האָט געהאַט די קרומע נאָז פון הער פאָן פלוג און זיין האַרטע האָפּערדיקע שטים. גלית איז געקומען, האָט אים געקלאַפּט אויפן אַקסל מיט דער באַוועגונג פון הער פאָן גאַיסבערג, מגושמדיק־צוגעלאָזט און ווי־טאָקדיק־קרעפטיק. אַנדערע זיינען געקומען, פריינטלעכערע, האָבן געשמועסט, האַלב־שוואַביש, האַלב העברעאיש. דער געטרייער אליעזר־פּעפּלע איז געווען, אברהם אבינו אין דער געשטאַלט פון יאָהאַן דניאל האַרפּרעכט האָט זיך געדונגען מיט כביכול איבער יושר. און עס זיינען געקומען די מענטשן, וואָס זיינען געווען גע־קומען צו נעמען, ישעיה הנביא האָט געבורטשעט און געשטילט מיט דער ברוגזער שטים דעם פעטערס. פאַר די רייכע האָר איז אבשלום געהאַנגען אין די צווייגן; נאָר די האָר איז געווען ווייס און דער פנים אונטן איז געווען זיינער.

אָבער אין מיטן דעריגנען האָט עפּעס גענומען האַווקען, ברינדזשען, בילן, אָ, דאָס איז ווידער דער שטאָט־וויקאַר האָפמאַן, וואָס איז געקומען זינגען דעם שבח דער תורה פון דער אויגס־בורגער קאָנפעסיע, יאָ, דער פייערידקער נשמות־פאַנגער איז שוין ווידער געווען אויפן אָרט, ער האָט געמיינט, איצט איז דאָס געבראָטנס געגנוג ווייך און מערביג. נאָר זיס איז היינט דורכאויס ניט געווען נוטה זיך מתווכח צו זיין מיט אים. די דאָזיקע גראָבע שטים האָט אַרויסגעשטופּט די זאַנפטערע שטימען ארום

אים. שטיל אָן חוזק האָט ער אים געבעטן, ער זאָל זיך אָפּטשעפּען פון אים; אויב מען וועט אים לאָזן צו רו, איז ער גרייט אָפּצושרייבן אין זיין צוואה צען טויזנט טאָלער דער עוואַנגעלישער קירך פאַר דעם, וואָס זי זאָרגט אזוי וועגן אים. אָן האָפענונג איז דער דערצערנטער גייסטלעכער פון אים אַוועק.

אַ צווייטער, אומגעריכטער באַזוך איז געקומען. אַ פיינער, עלטערער הער, שאַרבן פון אַ כאָרט, אָנגעטאָן פשוט אין זייער פירנעם, דער פאָטער פון דער הערצאָגין דער אלמנה, דער אַלטער פירשט טורן און טאקסיס. עס האָט אים ניט גענומען קיין רו, עס האָט אים געטריבן אַהער פון נידערלאַנד. אַזוי גייט דאָס ניט, אַזוי האָט מען ניט געטאָרט זיסן לאָזן שטאַרבן, א מענטש, וואָס זיין טאָכטער האָט אים באַזוכט, וואָס ער אליין האָט אים געגעבן די האַנט, אַ מענטש, וואָס האָט געדינט דער קאַטוילישער קירך, הגם ניט אָפיציעל, אָבער דאָך אזוי, אַז אַלע הויפן האָבן דאָס געוואוסט. ניין, ניין, דאָס האָט ניט געשטימט מיט זיין קוק אף העפלעכקייט, ער האָט געהאַט א צו גוטע עדוקאציע, אַז ער זאָל דאָס אַזוי דורכלאָזן. אַ מענטש, וואָס מען איז מיט אים געגאַנגען אַזוי וויט, דער איז געווען אַ האַר, טאַקט, אָנשטענדיקייט, מאַנירלעכקייט האָט געבאָטן, אַז מען זאָל אים ניט לאָזן קומען אין באַרירונג מיט דער תליה. דער אלטער פירשט איז אליין געקומען צו פאָרן קיין שטוטגאַרט, אינקאָגניטאָ, פאַרשטעלט פאר א באַראָן נייהאָף. ער האָט דעם אידן קיין מאָל ניט געקאָנט ליידן, ער האָט אים קיין מאָל ניט געקאָנט מוחל זיין, וואָס דער געלער סאַלאָן פון מאָנביזשו האָט אריבערגעשטייגט זיין געלן פראַק, און די וויין-רויטע ליווריע פון זיין דינערשאַפט האָט גובר געווען זיין וויין-רויטן ראָק. עס וואָלט אָבער געווען ניט פיין צו פרייען זיך אף דעם דאָזיקנס מפלה; בכל אופן האָט ער איצט ניט באַדאַרפט מורא האָבן, אז דעם אידנס ארום זאָל שטעלן אין שאָטן זיין אייגענע רעפּרעזענטאַניץ.

ער איז געקומען מיט א פעסטן פּלאַן. ער וועט העלפן זיסן אַנטלויפן, פונקט ווי ער האָט געלאָזן אנטלויפן דעם רעמ-

כינגען. בא דעם אידן וועט דאָס ניט גיין אזוי פשוט; אָבער ער איז געווען פעסט בא זיך ניט צו קארגן קיין געלט און קיין טרחה. אפשר וועט דאָס אפילו סוף כל סוף אָט דעם אומסימ־פאטישן, אַלטן, פויערשן רעגענט און פרא אדם הנאה טאָן, וואָס ער ווערט פטור פונם אידן אַף אזא אופן. על כל פנים: עס וועט גיין נאָר ער וועט שטעלן איין תנאי. צו מאכן זיך אזוי פיל מי צוליב א אידן, דאָס געשיקט זיך ניט. האָט דאָס טאקע ניט באַ־דארפט זיין מער קיין איד. דער איד מוז און אין זיין לאגע וועט זיך מסתמא קיין געשיכטעס ניט מאכן, דער איד מוז, פארשטייט ער, אריבערגיין צום קריסטנטום. עס וועט זיין א געווינס און א טריאומף פאַר דער קאַטוילישער קירך אופצונעמען אין איר שויס אָט דעם דורכגעטריבענעם פינאנס־מאַן און געניטן פאָליטיקער, וואָס איז, אַגב, געווען מער קאַוואַלער, איידער דער רוב שוואבישע אזוי גערופענע האַרן.

מיט עקל האָט דער עלעגאַנטער פירשט געטאָן זיך א טרייסל צוריק, אז ער איז מיט אַ שמייכל, קוועלנדיק פונם סורפריז, אריבערגעטראָטן די שוועל. וואָס איז דאָס? דאָ זיצט דאָך איינגעהויקערט אַן אַלטער, קרומער מוישל־איד. איז דאָס דער פינאנס־דירעקטאָר? איז דאָס דער גרויסער סעלאַדאָן? עס איז אים געוואָרן שלעכט צו מוט, אזוי ווי ער גופא וואָלט גע־ווען שמוציק. זיס האָט א קוק געטאָן אפן פנים פון באזוכער. „יאָ“, האָט ער געזאָגט מיט גאָר א קליינעם שמייכעלע, „יאָ, דורכלויכט. דאָס בין איך“.

מען האָט איצט געהאט אריינגעשטעלט אין דער קאמער א טאַפּטשאַן, אַ שטול און א טיש. דער פירשט האָט זיך אַנידער־געזעצט פאַרזיכטיק, מיט עקל. ער האָט לחלוטין ניט געקאָנט צונויפפאָרן אָט דעם מענטשן, וואָס איז דאָ פאר אים געזעסן אַן איינגעהויקערטער, מיט יענעם עלעגאנטן הער, וואָס איז געווען אין זיין זכרון. וויל דער איד ווידער אָפּנארן א וועלט? זאָל דאָס גאנצע זיין א שפיצל? ער האָט געהאט דאָס זעלביקע פריקרע געפיל ווי דעמאָלט אינם געלן סאַלאָן און פאר די ווייַן־רויטע ליווריייעס. צי האָט דער איד אויך איצט און אים

גובר געווען אפילו בא אַזעלכע אומשטאנדן, אין דער דאָזיקער תפיסה=קאמער? אָבער, אויב אלע זאָלן זיך לאָזן נארן: ער נים. ער האָט גאָר נים בדעה אריינצופאלן צום אידן אין נעץ אריין. ער, דער וועלט=געניטער, סקעפטישער האַר און פירשט, ער לאָזט זיך נים פירן פאר דער נאָז.

„פאַר מיר באַדאַרפט איר נים מאכן קיין אָנשטעלן, עקסעלענץ". האָט ער גענומען טאפן גלאַט און העפלעך, ווי ער וואָלט געזעסן אין א סאלאָן. „איר קאָנט בשום אופן מיר נים צומוטן, אז איך זאָל אייך גלויבן דעם דאָזיקן מאַסקעראד. דאָס איז א שפיצל, אונטער דער תליה וועט איר מסתמא די עקלדיקע באָרד אַראָפנעמען און זיין דער פקחותדיקער, וועלטלעכער, געריבענער קאַוואַלער וואָס פריער. עס איז אַ מאַנעווער", האָט ער געזאָגט מיט נצחון. „אוודאי איז דאָס א מאנעווער. אָבער, מיין געוועזענער הער פינאַנס=ראט, אף אזאַ טעאטער פאַלן אפשר אריין די הערן פון פאַרלאַמענט. איך נים. מיך קאָנט איר נים אָפנאַרן".

זיס האָט געשוויגן. „איר האָט מסתמא נאָך טרימף אין האנט", האָט דער פירשט ווייטער געטאפט. „וואָס איר ווילט אויסשפילן אין לעצטן מאָמענט. איר ווילט, קענטיק, איצטער שפילן דעם קדוש וואָס ליידט, בכדי מיט גרעסערן גלאנץ אופצושטיין תחית המתים. זייט פאָרזיכטיק! די שטימונג איז דאָ געפערלעך. אפשר וועט מען אייך גאָר נים לאָזן קומען דערצו. אפשר וועט מען אייך — זייט מוחל! — אופהייגען צוזאמען מיט אייערע טרימף אין האנט".

היות ווי זיס האָט נאָך אַלץ געשוויגן, איז ער געוואָרן אומגעדולדיק. „עקסעלענץ! מאַן! מענטש! קומט דאָך צום שכל! רעדט דאָך! איך מיין דאָך אייער טובה. בא אייער וויג האָט מען מסתמא אייך נים געזונגען, אז א דייטשער אימפעררישער פירשט וועט זיך אזוי פיל מטריח זיין צוליב אייך. הערט דאָך! רעדט דאָך!" און ער האָט אים, נערוויז דורך זיין האלטן זיך, פארלאָרן דעם גאנצן אימפעט. דערקלערט זיין פלאן און געזאָגט אים זיין תנאי. אַז ער האָט געהאט געענדיקט, האָט זיס קיין ריר זיך

ניט געטאָן, דעם מויל ניט געעפנט. טיפער ווי ווען עס איז האָט דער פירשט דערשפירט זיין מפלה. אַט האָט ער געמאַכט די דאָזיקע נסיעה, און איצט זיצט דאָ דער איד, ווארפט אפילו ניט אָפּ פּאַטעטיש, זאָגט פשוט גאָרנישט. דער פירשט האָט זיך פּלוצים דערפילט אלט און מאַט. ער האָט מער דאָס שווייגן ניט געקאָנט אריבערטראָגן, געזאָגט מיט אַן אָנשטעל פון חוזק: „איר האָט אין תפיסה פארלערנט אייערע גוטע מאנירן, אז מען האָרעוועט זיך אָן אַזוי צוליב אייך, האָט איר מיך דאָך געמעגט כאָטש זאָגן: מיל מערסי״.

„מיל מערסי״, האָט זים געזאָגט.

דער פירשט איז אופגעשטאנען. וואָס דער דאָזיקער איד לאָזט זיך פון אים ניט ראטעווען, נייערט ער וויל בעסער זיך לאָזן אופהייגנען אף דער תליה, דאָס האָט אים געארט ווי א פּערזענלעכע באליידיקונג. „איר זייט א שוטה אין פּאָליאָ, מיין ליבער״ האָט ער געזאָגט און זיין העפלעכע שטים איז געוואָרן חידושדיק שאַרף. „אייער סטאַאיציזם איז לחלוטין פארעלטערט. מען שטאַרבט ניט מער, בכדי צו קריגן א בעסערע מיינונג אין די היסטאָריע-ביכער פאר שול-אינגלעך. בעסער א לעבעדיקער הונט, איידער א טויטער לייב, האָט זייער ריכטיק באמערקט אייער קעניג שלמה״. ער האָט זיך אָפּגעשטויבט דעם ראָק, געענדיקט, שוין אונטער דער טיר: „לאָזט זיך לכל הפחות באלבירן די באָרד און טוט זיך כאָטש גוט אָן, אויב איר״ — ער האָט א דריי געטאָן מיט דער נאָז — „ווילט לחלוטין ארויף אויבן. דאָס מעג מען פארלאנגען פון עמיצן, וואָס מען האָט אים פריינטלעך אופגענומען אין זיין קרייז. איר האָט א פּילצאָליק און חשוב פּובליקום. צייט איר לעבט, האָט איר גוט אויסגעזען. פארמיאוסט איר אליין ניט אייער שם פון א קאַוואַלער, בעת איר וועט אָפּטרעטן פונם דאָזיקן וועלט-טעאטער״. דערמיט איז ער אוועק.

די תליה, וואָס אַף איר האָט זיך באַדאַרפט ווערן גע־
האנגען, איז אויסגעבויט געוואָרן מיט הונדערט און פערציק יאָר
צוריק. די דאָזיקע תליה האָט זייער טייער געקאָסט. שוין אין
יענע וואָלוועלע צייטן האָט זי באַטראָפן דריי טויזנט אויבער־
לענדישע גילדן. זי איז געווען דורכאויס עפּעס באַזונדערס און
זייער אַנדערש, ווי די געוויינלעכע הילצערנע תליות. זי איז גע־
ווען הויך ווי א טורעם, פינף און דרייסיק פוס איז זי געווען
הויך. זי איז געווען אינגאנצן געבויט פון אייזן, פון יענע זעקס
און דרייסיק צענטנער און אכטצען פונט אייזן, וואָס דער אלכעמי־
קער געאָרג האָנאַוער האָט אויסגעזוכט, בכדי צו מאכן גאָלד
פאַרן הערצאָג פרידריך, וואָס דערביי האָט ער אָנגעטאָן דעם
הערצאָג היזק אַף צוויי טאָן גאָלד. אָט צוליב דעם דאָזיקן גע־
אָרג האָנאַוער איז אָט די תליה אויסגעבויט געוואָרן, פיין אָפּגע־
פאָרבן רויט, אויך פאַרצירט מיט גאָלד, און אַף איר איז געוואָרן
אופגעהאַנגען האָנאַוער.

נאָך אים האָט מען אופגעהאנגען נאָך עטלעכע אַלכעמיקער,
וואָס הערצאָג פרידריך האָט זיך געלאָזט פון זיי אָפּנאַרן. דער
ערשטער איז געווען אן איטאַליענער, פּעטרוס מאָנטאַנוס. א יאָר
שפּעטער האנס היינריך נײַשעלער פון ציריך, וואָס מען האָט אים
גערופן דער בלינדער גאָלדמאכער. נאָך אין א יאָר ארום א
צווייטער האַנס היינריך, וואָס האָט געהייסן פאָן מילענפעלז. זײַן
גליק האָט לײַנגער געבליט; ער האָט אָפּטמאָלם אויסגעלאכט
זײַנע דרײַ חברים אין דער קונסט, וואָס האָבן געשוועבט אין
דער פרײַער לופט; איצט האָט ער געשוועבט אזוי ווי זיי. דער־
נאָך האָט מען די תליה א לאנגע צייט נים גענוצט, ביז א
שמיד פון דער גראפשאפט אייטינגען איז געפאלן אַף דער המצאה,
איר ביסלעכווייז אַראָפּצונעמען און אוועקצוגנבען. ער האָט שוין
געהאט אַראָפּגענומען דרײַ שטאנגען און בא דער נאכט
אוועקגעשלעפּט איבער זיבן צענטנער אייזן. אָבער מען האָט אים
געכאפּט און געטאָן אים דעם פּסק מיט דעם אינסטרומענט פון
זײַן פאַרברעך.

זינט דעמאלט איז די תליה איבער א יאָרהונדערט געשטאנען ליידיק. איצט האט הער פאן פלוג, וואס האט אף זיך גענומען איינצוארדענען די עקזעקוציע, באשטימט, אַז דער איד זאָל דער זעקסטער ווערן געטויט אפן דאזיקן אויסנאמלעכן שטייגער, זינט דעם אנהייב פון פראָצעס האָט דער מאָגערער, האַרטער מענטש געוואַרט דערויף, אָפּצוריכטן דעם דאָזיקן יום-טוב פון זיין שנאה. איצט האָט ער אים געוואָלט פייערן אזוי, אַז אייראָפּע זאָל דאָס ניט פארגעסן.

די אויספירונג פונם פסק-דין האָט ער צוגעגרייט אזוי, אַז דער טויט זאָל זיין וואס מעגלעך מיאוסער. צו זיין גרויסן באַדויערן, האָט מען זיין מיינונג ניט אָנגענומען, און אין דער באַגרינדונג פונם פסק-דין איז ניט אַריינגעשטעלט געווארן די תאווה-דיקייט דעם אידנס, זיינע פליישלעכע זינד. די שענדונג פון קריסטלעכע, דייטשע פרויען דורך דעם געמלטן הונט. איצט בּאַ דער עקזעקוציע האָט ער געהאט פרייע הענט. ער וועט שוין דעם אידן אויסמאָלן זיין תאווה און זיין עזותדיקע זנות. ער וועט אים לאָזן הייגען ניט פשוט אף דער תליה, ניין, ער וועט אים לאָזן אופהיינגען אין א פויגל-שטייג, בכדי, לויט א פאפולער ווארטשפיל אויסצולאכן די ווינסטע טועכץ פון זיינע צעלאָזענע נעכט.

דאָס אויספארש-געריכט האָט קיין הוצאות ניט געזשאַלעוועט, בכדי צו מאַכן די אויספירונג פון פסק-דין וואס פייערלעכער. אפן משפט-פלאַץ, דעם טונצנהאָפער אופשטייג, וואס ווערט אויך אָנגערופן תליה-אופשטייג, געווענדט צו דער זייט פון פראג, זיינען אויסגעבויט געווארן גרויסאַרטיקע לאָזשעס פאַר די קאַוואַלערן און דאַמען. דאס מיליטער, וואָס האָט באַדאַרפט באַגלייטן דעם פאַרמשפטן און אָפּצאמען דעם וועג, האט געמאַכט זיינע מאַנעווערס. די אייזערנע תליה האָט מען זאָרגעוודיק פאַריכט. צום תליון-וואגן האָט מען צוגעמאַכט העכערע רעדער, דאָס חוטאים-גלעקל האָט געקראגן אַ נייע שטריק. פאַר די תליון-קנעכט האָט מען אופגענייט נייע מונדירן.

דעם גרעסטן אַכט האָט מען געלייגט אַף דער סאָלידער אויספירונג פון הער פאָן פלוגס וויציקע פלענער. דער איד האָט זיך געוויצלט, אַז העכער ווי די תליה איז קאָן מען אים ניט אופהייגען, וועט מען אים באַווייזן, וואָס מען קאָן, מען וועט פשוט די אייזערנע שטייג ארופציען איבער דער תליה ארוף.

די אויספירונג פון שטייג מיט דעם גאַנצן קונציקן אַפּאַ־ראַט, וואס געהער צו איר, איז אָנגעטרויט געווארן די מייסטערס יאָהאַן קריסטאָף פאוסט און פייט רודאָלף ריגלער. די שטייג האָט מען געקאָנט צענעמען אין צוויי טיילן, זי איז געווען אַכט פוס די הייך, פיר פוס די ברייט, האט געהאַט אין היקף פערצן רייפן און זיבצען שטאַנגען אין דער הייך. אַ קונציקע מאַשינעריע האָט געמאַכט מעגלעך זי גרינג ארופצוציען איבער דער תליה. פאַרטיק צו מאַכן זי האָט געקאָסט אַ מטמון. צולעצט האָט דער גאַנצער שלאָסער־צעך געמוזט צולייגן אַ האַנט צו דער שטייג. זעקס פערד האבן צוויי טעג פאר דער געפלאנטער עקזעקוציע ארופגעשלעפט אָט דעם גאַנצן ביז־וואונדער איבער דעם משופּע־דיקן טונצנהאָפער אופשטייג ארוף. די שול־אינגלעך פון דער הויפט־שטאָט זיינען מיטגעלאָפן. גאַנץ שטוטגארט האָט זיך אין יענע טעג געלאזט אופגיין אַף דעם תליה־אופשטייג. מען האָט אַף דער גיך אופגעשטעלט ביידלעך און פארקויפט וויין און ביר, הענדלערס האָבן אנגעבאַטן צו פארקויפן בלעטלעך מיטן אידנס בילד אין חוזק־פערזן. אין דער פריילעכער קעלט האָט מען זיך מיט געפילדער ארומגעדרייט אַפן משפט־פּלאַץ, צוגעקוקט מיט אינטערעס, ווי אזוי עס ווערן געבויט די לאָזשעס, באַוואונדערט די פאָלירונג פון דער תליה, די קונציקע שטייג.

די ווירקונג פון דער דאָזיקער פויגל־שטייג אַפן פאָלק איז געווען נאָך שטאַרקער, ווי הער פאָן פלוג האָט זיך גערעכנט. אַן אומגעהייערע הירזשערײ און לאַכערײ האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער שטאָט. איבערן לאַנד. אָן אַ צאָל גראַמען מיט פויגלען זיינען ארויסגעפלויגן, קינדער אין די גאַסן האָבן זיי געזונגען. מער ניט וואָס מען האָט ניט געוואָלט גלויבן, אַז הער פאָן פלוג איז דאָס דער מחבר פונם דאָזיקן גוטן וויץ; דאָס פאָלק האָט באַ־

שלאָסן, אַז דער אופּטוער פון דער דאָזיקער שאַרפזיניקער אידײ איז זײַן ליבלינג, דער אַלגעמײַן געשאַצטער מאַיאָר פאָן רײדער. אין אײנעם מיט די פויגל־פערזן פלעגט מען אויך זינגען די ליד מיט די גראַמען: האָט געזאָגט דער הער פאָן רײדער: האַלט! אָדער שטאַרב ענטװעדער.

אין דער קאַמער פון זיס איז געזעסן רבי גבריאל און רבי יונתן אייבשיץ. דער גרויסער פּאַס פון די גענעראַל־שטאַטן האָט פאַר דעם מינהער גבריאל אָפּנהיימער געעפנט און אָפּהאַלט די טויערן פון דער תפיסה. איצט זיינען די דריי מענער געזעסן בײַ דער סעודה. רבי גבריאל האָט געהאַט מיטגעבראַכט פּרות, טייטלען, פייגן, מאַראַנצען, אויך געבעקס און שטאַרקן, דרומדיקן וויין. זיס האָט געטראָגן דעם פּורפּל־וואָלענעם ראָק, א בארעט איבער די ווייסע האָר, ווי בײַ בײדע רבנים זיינען בײַ אים אין שטערן געווען איינגעקאַרבט דריי קנייטשן, וואָס האָבן געבילדעט דעם אות שין, דעם אָנהייב פון געטלעכן נאָמען שדי. ער האָט געטונקט פייגן אין וויין. דאָס איז געווען זיין לעצטע סעודה. רבי גבריאל האָט געטיילט מיט דיקלעכע פינגער א מאַראַנץ. די דריי מענער זיינען געזעסן, האָבן געגעסן די פּרות, שווייגעדיק און אין גרויס ערנסטקייט. אָבער זייערע געדאַנקען זיינען געגאַנגען שווער און כוואַליעדיק פון איינעם צום אַנדערן. רבי גבריאל און זיס זיינען געווען איינס און רבי גבריאל האָט צום ערשטן מאָל דערפילט די דאָזיקע בינדונג ניט ווי א צוואַנג און ביטערן מזל, נייערט ווי אַ געדאַנק. דער דריטער אָבער, רבי יונתן אייבשיץ, האָט געשפּירט דעם גלייכן שטראָם וואָס זיי, נאָר ער איז געווען פון אים אויסגעשלאָסן, ער איז געשטאַנען בײַם ברעג, און די כוואַליע האָט אים ניט געטראָגן. ער איז געזעסן מיט זיי, ער האָט געטרונקען מיט זיי, ער האָט געטראָגן דעם אות שין ווי זיי, ער איז געווען א יודע און אופגעוועקטער ווי זיי: אָבער די כוואַליע האָט אים ניט געטראָגן. רבי גבריאל האָט בהרחבה באַשאָטן מיט צוקער די שניטן פון מאַראַנץ און האָט זיי צעטיילט. ער האָט איינגעגאָסן פון דרומדיקן, שוואַרץ־קאַלירענעם וויין. די קאַמער איז געווען פול מיט ניט אויסגערעדטן וואָרט, מיט געדאַנק, זעאונג, גאָט. נאָר רבי יונתן האָט עס געגאָגט, ביטער, צופּנדיק, ווייטאָקדיק. ער האָט מיט צינישן וויץ געפּרואווט זיך אויסלאַכן: עס איז גרינג צו האָבן עלית נשמה, ווען מען ווערט אופגעהאַנגען. אָבער אַט די ביטערע נחמה האָט זיך ניט אָנגענומען. ער, דער רייכער, דער ווייסער,

האָט זיך געשפּירט ווי א נאַקעטער בעל־מקנא און א האַלבער בוגד. און אַז ער האָט אינאיינעם מיט די צוויי געבענטשט ברכת המזון, אויסגעפּוצט אין דער זיידענער קאַפּאָטע און אין דער מילכיק פּליסנדיקער ווייסער באָרד בכבודיק, טיף געלערנט, מפורסם איבער גאָר דער וועלט, איז ער געווען אַן אָרימער, טריבער, געפּטרטער מענטש.

אין דעם איינגאַנגס־זאַל פון ראטהויז, בעת מען האָט אים אויבן נאָך אַ מאָל פאָרגעלייענט דעם פּסק־דין און געבראכן אי־בער אים דעם שטעקן, האָבן געוואַרט אַף זיסן דער מילדער, דאַרער רבי פון פראַנקפורט, דער באַלייבטער, סאַנגווינישער רבי פון פירט און טרייסלדיק און אופגערעגט יצחק לאַנדויער. פּליאַ־כעם שניי זיינען געפאלן און צעגאַנגען אַף דער ערד. דורך א נעפּלדיקער, טריבער־לופט האָט זיך דורכגעשלאָגן א בלאַסע זון און איז ווידער פארשוואונדן. אין דרויסן פאַר דער טיר האָט זיך געשטופּט נייגעריק און אַן אַ צאָל דאָס פאָלק. הער פאַן ריידער איז געזעסן אַף זיין אלטן פוקס פאַר דער שטאַרקער מי־ליטערישער וואך. אַף הויכע רעדער האָט נאַקעט אויסגעשטאַרצט דער תליון־וואָגן, דער תליון מיט זיינע געהילפן אין בונטע פאַרבן ארום אים.

צולעצט האָט מען זיסן אַראָפּגעפירט די טרעפּ אַראָפּ. מען האָט די אידן דערלויבט דאָ נאָך אַ מאָל צו ריידן מיט אים. ער האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ. דער קליינער רבי יעקב יהושע פאלק האָט אים ארופגעלייגט די דאַרע, מילדע הענט אפן קאָפּ און האָט געזאָגט: „יברכך ה׳ וישמרך, יאר ה׳ פניו אליו ויחנך, ישא ה׳ פניו אליך וישם לך שלום״ — דאס איז דער טייטש: „זאָל דיך בענטשן דער אויבערשטער און דיך באהיטן, זאָל דער אויבערשטער לאָזן לייכטן דיין פּנים צו דיר און דיך טאָן בא־גנעדיקן. זאָל דער אויבערשטער ווענדן דיין פּנים צו דיר און געבן דיר שלום״. און די ביידע אַנדערע האָבן דערויף געענט־פערט: אמן סלה.

פאוואָליע און מיט מחזקות האָט מען דעם איד ארופגע־זעצט אפן הויכן תליון־וואָגן און געבונדן ניט געקוקט אַף פּראַסט

און נעץ, איז דער גאַנצער מארק=פּלאַץ געווען געדיכט באַזעצט פון פאָלק. אַלע פענסטער פון הערן=הויז, פון ראטהויז, פון אַפּטייק, פון דער זון=אכסניה זיינען געווען ווייס פון פּנימער. אפן ראר=בּרונים, אַפילו אַף דער שנאַפּס=תליה און אַף דעם הילצערנעם אייזל זיינען געהאנגען אינגלעך: הער פאָן ריידער האָט מיט זיין סקריפּענדיקן קול געגעבן אַ קאָמאַנדע זיינע רייטערס. האָט די וואך זיך גענומען רירן, די שטאָט=רייטערס פאָראויס, צוויי פּייקלערס. דערנאָך אַ ראָטע גרענאַדירן צו פוס. איצט האט זיך אַ תליון=קנעכט געגעבן אַ זעץ ארויף רייטנדיק אפן פערד פון תליון=וואָגן, האָט א קנאַק געטאָן מיט דער צונג. דער פערד האָט אַ ציי געטאָן. דער קליינער רבי יעקב יהושע פאלק, מיט בלאַסע ליפּן, האָט איבערגעחזרט: „וישם לך שלום”. נאר דער צאָרנדיקער רב פון פירט האָט זיך ניט געקאָנט איינהאלטן, ווילדע קללות האָבּן זיך פון זיין האַלז ארויסגעריסן הינטער דעם וואגן אַף אדום און עמלק, די צוררים און רשעים. יצחק לאַנדויער אבּער איז אויסגעבּראָכן אין א רייסנדיקן, חיהשן געיאָמער, ניט איינצוהאַלטן. עס איז געווען מאָדנע צוצוקוקן, ווי אָט דער גרויסער פינאַנסמאַן שלאָגט דעם קאָפּ אָן דעם בּיישטידל פון ראטהויז=טויער און יאָמערט אַף אַ קול. איצט האָט אויך דער חוטאים=גלאָק גענומען קלינגען. דין, שאַרף, בּרינדזשענדיק האָט ער זיך אריינגעמישט אין אידנס געיאָמער, איז דורכגעדרונגען דורך דער שנייאיקער, דאמפּנדיקער ליכט, זיך אריינגעשניטן אין מאַרך אַריין.

אריינגעבּרינדזשעט אין מאַגדאַלען סיבּילעס צימער. זי איז געווען גוט איבּערגעקומען דאָס האָבּן, נאָר זי האט נאָך געמוזט ליגן, זי האָט געקוקט אַפן קינד, אַ נאָרמאַל קינד, ניט גרויס, ניט קליין, ניט מיאוס, ניט שיין. זי האָט געהערט די שארפע בּימבּלעריי פון גלאָק, זי דאָט זיך געקרימט נערוויז. זי האָט געקוקט אַף איר און עמנואל ריגערס קינד און האָט דאָס ניט ליבּ געהאַט.

דער גלאָק האָט אויך אריינגעבּרינדזשעט אין שלאָס אריין, וואו עס איז געזעסן דער אלטער רעגענט מיט בּילפינגער און האַרפּרעכט. די דריי מענער האבּן געשוויגן. צולעצט האָט האַר=

פרעכט געזאגט: „דער גלאָק קלינגט מיר ניט געשמאַק אין אוי=
ער.“ האָט קאַרל רודאָלף געזאָגט: „איך האָב דאָס געמוזט טאָן,
איך שעם זיך, איר הערן.“

בינתים האָט מען זיסן געפירט דורך דער שטאָט, צום
תליה=אופשטייג ארוים. ער איז געזעסן אפן תליון=וואָגן, הויך ווי
אַ געץ, אין זיין פורפל וואלענעם ראָק, דער בריליאַנט האָט גע=
בלישטשעט פון זיין פינגער אראָפ. דער הערצאָג=אדמיניסטראַטאָר
האָט ניט דערלויבט, מען זאָל פון אים דאָס פינגערל אָפנעמען.
די גאסן זיינען געווען ארומגעזוימט מיט מענטשן, שניי איז גע=
פאלן אין פליאַכעס. די פראָצעסיע האָט זיך גערוקט אויסטערליש
שטיל, דער המון האט צוגעקוקט אויסטערליש שטיל. די צענדלי=
קער טויזנטער, ווי נאָר דער פארמשפטער איז געווען פארביי,
האָבן זיי זיך געלאָזט מיט דער וואך, נאָך דער וואך גיין צו פוס,
רייטן אף פערד, פאָרן אין קאראטן, אין דער בלאַסער, נעפלדי=
קער לופט, אין די שמוציקע, צעגייענדיקע שניי=פליאַכעס איז אלץ
געווען טאָפלט שווער און שטיל. מען איז ניט געגאנגען מיטן
נאָענטסטן וועג, מען האָט דעם אידן געפירט פאַוואָליע ארום און
אַרום. א סך צוקוקערס זיינען געקומען פון דער ווייט, דאָס
גאַנצע לאַנד האָט געוואָלט זיין דערביי. אויך פון יענער זייט
גרענעץ זיינען געווען געקומען אַפולע, מען האָט אַלעמען געוואָלט
ווייזן די פאָרשטעלונג. זיס איז געזעסן הויך אפן וואגן, געבונדן,
שטייף. שניי איז געפאלן אַף זיינע קליידער, אף זיין ווייסער
באָרד.

באַ זיין וועג איז געשטאַנען דער ליצענציאַט מייגלינג. ער
איז געווען באַטריבט און געדריקט, וואָס זיין פאַרטיידיקונגס=שריפט
האָט צו גאָרנישט ניט גענוצט. ער האָט אמת געמעגט זיך
זאָגן, אַז ער האָט געטאָן אַלצדינג, אויך האָט דער קול העם זיך
אַרויסגעזאָגט איינהייטלעך און מעכטיק קעגן דעם פאַרמשפטן.
אָבער דאָך איז דאָס געווען ביטער און קלעמעדיק, וואָס אָט דער
אָנגעקלאָגטער, וואָס איז אים געווען אָנגעטרויט, ווערט אופגע=
האַנגען אָן אַ יורידיש געגרונטן גרונט. ער האָט זיך געפילט ניט

גום, דורכגעשווידערט פון קעלט. האָט ער געבעטן אַ תּליון־קנעכט, ארופצודערלאַנגען זיסן אַ בעכער ווייַן. יענער האָט אים ניט אָנגענומען, האָט אַפילו ניט געדאַנקט, אָבער דער ליצענציאַט האָט זיך געפילט גרינגער און וואַרימער.

באַם אידנס וועג איז אויך געשטאַנען די פרוי פון שערט־לין, די וואַלדענזערין. זי האָט געזען זיסן געבונדן, אויסטערליש שטיל, אומבאַוועגלעך ווי אַ הייליק בילד, וואָס ווערט געפירט דורך דער שטאָט אין אַ פּראָצעסיע, שניי אין זיין באָרד, שניי אף זיין ראָק. זי, אפשר די איינציקע צווישן די צוקוקערס, האָט געשפּירט צוזאַמענהאַנגען, געשפּירט די פרייוויליקייט פון דעם דאָזיקן זיך אַרויסשטעלן צום באַקוקן. ושעדנע האָט זי אַרופגע־גלאָצט, אין צעריסענעם, חוזקדיקן נצחון, צו אָט דעם מאַן, אירע קורצע, שטאַרקע רויטע ליפּן זיינען געשטאַנען האַלב אָפן, אירע לייַנגלעכע אויגן האָבן געברענט. אַ פרוי נעבן איר האָט געזאָגט מיט האַלבן קול, שטאַרק שוואַביש: "ער האָט אַלע מאָל געוואָלט הויך ארוף. איצט קומט ער נאָך העכער." "ברודיקע בהמה!" האָט די וואַלדענזערין פאַר זיך געזאָגט פראַנצויזיש און פליאָכע־דיקן שניי אַריין.

ביי אַ ראָג גאַס איז געשטאַנען דער פּובליציסט יאָהאַן יעקב מאָזער. ער האָט אָנגעהייבן, בעת די פּראָצעסיע האָט זיך באַוויזן, אַ קורצע זאַפטיקע, פּאַטריאָטישע רעדע. אָבער זיינע פייערדיקע ווערטער האָבן ניט געצונדן, דער שניי האָט זיי אויס־געלאָשן, די מענטשן זיינען געבליבן שטום, האָט ער דעם מויל צוגעמאַכט, איידער עס איז געקומען צום סוף. קורץ איידער די פּראָצעסיע האָט דערגרייכט איר ציל, איז געשטאַנען באַם וועג ניקלאַס פּעפלע, דער בלאַסער גלייכמוטיקער סעקרעטאַר. ווי זיין האַר איז דאָס לעצטע מאָל פאַרביינגעפאָרן, האָט ער זיך טיף פאַרנויגט און אַראָפּגענומען דעם הוט. זיס האָט אים געזען, צוויי מאָל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ניקלאַס פּעפּלע, ווי נאָר דער וואָגן איז געווען פאַרביי, איז ניט מיטגעגאַנגען צום משפּט־פּלאַץ נייערט אָפּגעקערט אָן אַ זייט, געשלונגען טרערן.

אַז די פּראָצעסיע איז אָנגעקומען צום משפּט=פּלאַץ, האָבן
נעפּל און פּליאכערײַ אופגעהערט. זײער קלאָר און פּראָסט
אונטערן העלן, װײַסלעכן הימל זײַנען געשטאַנען די װײַנבערג.
דער איד האָט געזען אויבן אין די װײַנשטאָק=טעראַסעס דאָס
קלײנע װאַך=הויז, האָט געזען אונטן דעם װאַסער=טורעם, דאָס
אַנדרעען=הויז, דעם מרחץ. ער האָט זיך אומגעװענדט און דער=
זען שטוטגאַרט, די הויפּט=קירך סאַנקט=לעאָנהאַרט, דאָס אַלטע
שלאָס און דעם נײַעם בנין, װאָס פאַר אים האָט ער געשאַפט
דאָס געלט. אין דער לינקער האַנט האָט ארויסגעטאָרטשעט
נאַקעט די הילצערנע תליה. אָבער זי האָט קײן אָנזען ניט גע=
האַט לגבי דעם װאונדערלעכן, קונציקן, ריזיקן אײַזערנעם געבײַ,
װאָס איז געװען באַשטימט פאַר אים. אַ צװײַענדיקער לײטער
מיט אָן אַ צאָל שטאַפּלען, פּילפּאַכיק געשטיצט, איז געלאָפן
ארויף, רעדער=מעכאַניזם, קײטן און געװינד האָט זיך געדרײט
אופצוהויבן די שטײַג אין דער הײך. דאָס ברײטע פעלד איז
געװען באַזעצט מיט מענטשן, מען איז געזעסן געדריק און געש=
פּאַנט אף אַלע אויסשטאַרצונגען, פּאַרקאַנעס, בוימער. פון גאַנץ
װײַט האָט מען געקוקט מיט גרויסע, האַמעטנע שפּאַקטיװן. אף
זים' ראָק איז דער שנײ געװען געפראָרן, אין פּראָסט און
העלקײט האָבן שימערירט די קלײנע קרישטאָלן אף זײַן באַרעט,
אין זײַן װײַסער באָרד.

אַף דרײַ גרויסע טריבונעס, איטלעכע פאַר זעקס הונדערט
מענטשן, זײַנען געזעסן די דאַמען און קאַװאַלערן, די האַרן פון
הויף, הויכע באַאמטע און מיליטער=לײַט, די אויסלענדישע אַמ=
באַסאַדאָרן, די האַרן פון געריכט, פון פּאַרלאַמענט. דער געהײמ=
ראַט פאָן פלוג אויבן=אָן. ער האָט ביז צו לעצט נאָך אליץ מורא
געהאַט, דער העברײער, די בעסטיע, װעט פּאָרט זיך אַרויסראַ=
טעװען דורך עפּעס א גאָר אַן איבערגעשפּיצטן אידישן קונץ.
איצט האָט גענענט די שעה, איצט איז דער ציל פון זײַן לעבן
געװען דערגרײכט. איצט אט דא באַלד, װעט דער פאַרהאַסטער
שװעבן הויך, דערװאָרגן. די האַרטע אויגן דעם געהײמראַטס
האָבן געריק געזוכט אונטערן קאָלנער פון ראָק דעם אידנס

הַאלז, דעם אָרט פאַר דער שטריק, ווייל איז צו זען דעם שונאס טויט. אַ קוויקעניש פאַר די אויגן, אָנגענעם און ליבלעך איז דער קלאַנג פון די טויט־פייקלעך, די ברינדזשעריי פונם גלעקל, צווישן די דאַמען זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך זייער גענוי געקענט און זיינען פונדעסטוועגן איבער וואָסערע עס איז טעמים אַרויס פטור פון דעם אונטערזוך. איצט האָבן זיי געקוקט אפן דאָזיקן מאַן, וואָס זיי זיינען מיט אים געווען פאַרפּלאָנטערט, פאַרחידושט, שוידערנדיק פון קעלט. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון זייער יונג. ער האָט באַוויזן, גאָט ווייס אַז ער פאַרמאָגט דעם כח פון אַ יונגען בחור. ער האָט געקאָנט צום העכסטנס זיין אַלט פערציק יאָר, און איצט האָט ער געהאַט ווייסע האָר און האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטער רב. מען האָט בעצם באַדאַרפט זיך שעמען פאַר זיך אַליין, וואָס מען איז מיט אים געלעגן אין בעט. נאָר אַ חידוש צו זאָגן, זיי האָבן זיך ניט געשעמט. געריק און געררייצט האָבן זיי געקוקט אַפן אויסטערלישן מאַן, איצט וועט ער באַלד זיין טויט, איצט וועט ער באַלד זיין שטום אַף אייביק און איטלעכע סכנה וועט זיין פאַרביי און זייער פּלאָנטעריש וועט זיין צעריסן איבער געוואַלד און אימהדיק. זיי האָבן דערויף געוואַרט, גלוסטיק און ציטערדיק, האָבן געבענקט נאָך דעם. האָבן מורא געהאַט פאַר דעם, דער גרעסטער רוב פון זיי וואָלטן זיך בעסער געהויקערט צייט זיי וועלן לעבן, אונטער דער סכנה פון אופדעקונג. אַבי ער זאָל בלייבן לעבן.

אויך דער יונגער מיכאל קאָפּנהייפּער איז געווען אַף דער טריבונע. איצט ווערט, הייסט דאָס, צעמאָלן דער מילשטיין, וואָס איז אַזוי לאַנג געהאַנגען דעם לאַנד אַפן האַלז. דער לאַנד־פאַרדאַרבער ווערט מיט שאַנד געמשפּט, אָבער דעם דאָזיקן וואָלט די דעמואַזעל עליזאַבעט סאַלאָמעא ניט אַוועקגעשיקט. אָפּגעלאָזן אַרומשמייענדיק צווישן ביכער און הויפנס וועש, דעם דאָזיקן איז זי צוגעפאַלן, און ער האָט מסתמא גאָר ניט באַדאַרפט אָנטאָן זיך אַ גרויסן כח צוליב דעם. דער אַלטער, קרומער איד, וואָס אַזוינס האָט אין אים געשטעקט? וואָס איז געווען זיין סוד? מיט

קנאה און בּיטערניש האָט ער אַרופגעגלאָצט צום מאַן אַפן תליון=וואָגן. נאָר דער יונגער געהיימראַט געץ, צווישן די ריכטערס, האָט געקוקט מיט נאַרישער, טעמפּער באַפרידיקונג. איצט ווערט אויסגעמעקט זיין מוטערס און זיין שוועסטערס חרפּה. זאָל איצט עמיצער זיך דערוועגן, קרום אַ קוק צו טאָן. ווי וועט ער דאָס אים ארונטערבּליצן! ווי וועט ער דאָס וויסן, וואָס ער האָט צו טאָן!

אָבער פּיין און שוואַך איז געזעסן אַף דער טריבּונע דער אַלטער חרובער וויסנזיי. דו האָסט מנצח געווען, יהודי! דו האָסט מנצח געווען, יהודי! אָך, דער איד האָט אים ווידער אמאָל באַזיגט. האָט געהוליעט בּאַ אַלע טישן, אָפּגעשמעקט אַלע פּיינמע נאַשערייען פון גאָר דער וועלט מיט אויגן, חושים, מאַרך, אויסגעזויגן ביזן דעק איטלעכן נצחון און איטלעכע מפּלה, האָט זיך געהאַט אָנגעפּילט מיט טראַגישן סוף פון קינד, האָט צוגעגריִיט און פאַרענדיקט די בּונטע, פאַרביקע, איבערפּיינע, איבערווילדע, גיהנם=שוועבּלדיקע נקמה, און איצט שטאַרבּט ער מיט דעם דאָזיקן טויט. די אויגן פון גאָר דער וועלט געווענדט אַף זיך. דעם דאָזיקן ניט געוויינטלעכן און מסתמא פריוויליקן טויט, פיל הערלעכער, ווי אַ שטייגער דער טויט אין פּנים פון שנאה. אַרומגעשפּריצט פון שנאה, אַרומגערינגלט מיט ליבּע, בּין=השמשותדיק, גרויס. וואָס בּלייבּט פון אים, פון וויסנזיי? אַ פּאָר נעבּעכדיקע פּערזן פון זיין נעבּעכדיק פאַרבּירגערלעכטער טאָכטער. אָבער יענער וועט לעבּן ווייטער. ווידער אמאָל און אָבער אמאָל וועלן די שפּעטערדיקע נעמען אין האַנט אַריין דאָס, וואָס ער איז געווען, האָט געלעבּט, געזען, געטראַכט, געשטאָרבּן, בּאַקוקן דאָס מיט קאָפּ, נאָכלעבּן, נאָכשפּירן, נאָכשטאַרבּן.

מען האָט זיסן אָפּגעבּונדן פון תליון=וואָגן. ער איז געשטאַנען, די גלידער שטייף, האָט געפינטלט מיט די אויגן. ער האָט געזען די מענטשן אין די לאָזשעס. די פּאַרוקן, די געשמינקטע פּנימער פון די פרויען. ער האָט געזען די סאָלדאַטן, וואָס האָבּן אַרומגערינגלט דעם פּלאַץ. אָהאָ, האָט מען זיך דאָס אָנגעטאָן אַ כּוח; נאָר אַרום דער תליה אַליין זיינען געווען לכל הפּחות פינף

ראָטעס. עס פאַרשטייט זיך, אַז די אויבערשטע מיליטערישע קאָמאַנדע האָט געהאַט דער מאַיאָר פאָן ריידער. צו זען דייטלעך אויבן=אָן. יאָ, יאָ, מען האָט באַדאַרפט אַ סך סטראַטעגיע, בכדי אים, זיסן, איינגאַנצן און אַף אַלע מאָל אַוועקצושאַפן פון דער וועלט. זיס האָט געזען צענדליקער טויזנטער פנימער, טשיקאַווע ווייבער, די מיילער ברייט צו שרייען, מאַנסביל, גרייט צו טשמאָקען באַפרידיקט און צו כריוקען, פנימער פון קינדער, מיט אָנגעבלאָזענע באַקן, גרויסע אויגן, וואָס זיינען באַשטימט צו ווערן אַזוי פוסט און רשעותדיק, ווי די פרצופים פון די עלטערן. ער האָט געזען דעם אָטעם פון המון, ווייסלעך דאַמפנדיק, שטאַרק ממשותדיק אין ליכטיקן פראָסט, די גערירקע אויגן, די אויסגעשטרעקטע העלזער. וואָס האָבן פריער אַזוי נכנע זיך געבויגן פאַר אים. ער האָט געזען די שטייג, דעם קונציקן, מיאוסן אַפּאַראַט פאַר זיין טויטונג. און בעת ער האָט דאָס אַלץ געזען, האָט צו זיין אויער דערגרייכט עפעס פלאַנכעדיקס, האַווקעדיקס. דער שטאָט=וויקאַר האָפמאַן האָט זיך ניט געקאָנט אָפּזאָגן פון אָפּצוּוואַרטן אים אונטער דער תליה, איינצוטענען מיט אים נאָך אַמאָל וועגן הימל און ערד, וועגן מחילה פון מענטשן און גאָט, וועגן כפרה און גלויבן. זיס האָט געזען דאָס און געהערט דאָס. ער האָט פאַוואָליע באַקוקט דעם שטאָט=וויקאַר פון אויבן ביז אַראָפּ, האָט זיך אָפּגעקערט, האָט אויסגעשפּיגן. אופגעריסענע אויגן, אַ שטיל, אָנגעברוגזט, גיך פאַרשטומענדיק כראָפּען פון המון.

איצט האָבן די תליון=קנעכט, אין זייערע נייע, בונטע מונדירן זיך גענומען פאַר אים. אופגעעפנט אים דעם ראָק. ער האָט דערשפירט די גראָבע מגושמדיקע הענט, אַ ווידערניש האָט אים אָנגעכאַפּט. ער האָט זיך אויסגעשטריקט. ניט געוואָרן איז זיין שטייפקייט. ער האָט גענומען זיך שלאָגן. געווערט זיך יאושדיק. אַלע העלזער זיינען געוואָרן לייגער. עס איז געווען טשיקאַווע אָנצוקוקן, ווי אָט דער מענטש מיט דער ווייסער באָרד, אין פאַראָדנע בגדים, מיטן בלישטשעדיקן שטיין אַפן פינגער, האָט זיך אַרומגעשלאָגן מיט די קנעכט, זיך געצאַפּלט. די קינדער האָבן געלאַכט, געפרייט זיך, געפּאַטשט מיט די הענט; אַף

די טריבונעס האָט א געשמינקטע פרוי אָנגעהייבן צו קווטשען און צו שרייען, מען האָט זי געמוזט אַוועקפירן. דעם אידנס בארעט איז אַראָפּגעפאַלן אַף דער נאַסער ערד, איז אַריינגע־טאָפּטשעט געוואָרן אין בלאָטע. די תליונים האָבן אים אָנגעכאַפּט גראָב, אופגעריסן אים דעם ראָק, איינגעשפּאַרט אין שטייג, ארופ־געלייגט אים די פּענטע אפן האַלז.

אַזוי איז ער געשטאַנען, געהערט שטילן ווינט, דעם אָטעם פון המון, די שאַרנדיקע פּאָדקעוועס פון די פערד, די זידלערייען פון דעם גייסטלעכן. איז דאָס געווען דאָס לעצטע, וואָס ער וועט הערן אף דער ערד? ער האָט געלעכצט נאָך עפּעס אנ־דערש, ער האָט ברייט פאַנאַנדערגעעפנט האַרץ און אויער, ער האָט געוואָלט עפּעס אנדערש. נאָר געהערט האָט ער נאָר דאָס, דערצו דעם אייגענעם אָטעם און דאָס רוישן פון אייגענעם בלוט. שוין האָט די שטייג געגומען זיך שאָקלען, הייבן. מיט א מאָל, דורך די פוסטע, אכזריותדיקע גערוישן אן אנדער טאָן, הויכנדיקע, גאָרגלענדיקע שטימען, וואָס שרייען: שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד — „איינציק און אייביק איז דאָס זייענדיקע, דאָס איבער־ווירקלעכע, דער גאָט פון ישראל". דאָס זיינען די אידן, דער קליינער רבי יעקב יהושע פאלק, דער דיקער רב פון פירט, דער פאַרשלומפּערטער, יצחק לאַנדויער, זיי שטייען איינגעהילט אין זייע־ערע טליתים, זיי און נאָך זיבן אַנדערע, צען, ווי עס איז דער דין, עס גייט זיי ניט אָן דאָס פאָלק, וואָס קוקט אַף זיי, זיך אָפּגעווענדט פון דער תליה, זיי שאָקלען זיך מיט כוח, שטייען און שרייען, הילכיק און גאָרגלענדיק די תפילות פון מעבר יבק, וואָס מען זאָגט פאַרן טויט. און עס קלינגט איבערן גאנצן פלאַץ: שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד. ווייסלעכע וואָלקנס אין שטאַרקן פראָסט ציען זיך די ווערטער פון זייערע מיילער ארויס, אין די אויערן פונם מענטש אין שטייג, און דער זון פונם מאַרשאַל היידערסדאָרף עפנט אוף דעם מויל, שרייט צוריק: אדני אחד.

געשווינד צאַפּלען זיך, קלעטערן די בונטע קנעכט ארוף איבער די לייטערס. די שטייג הויבט זיך, די פּענטע ווערגט צו, אונטן שילט דער שטאָט־וויקאר דעם שטאַרבנדיקן אידן: „גיי צו

אַלדי העלן, פאַרביסענער רשע און איד". דער הילכיקער „אדני" דעם אידנס איז אין דער לופט און אין אַלעמענס אויערן. פון שטייג קלינגט ער צוריק, ביז די פענטע דערשטיקט דעם טאָן.

גאָר פון פאָרנט אף דער טריבונע האָט זיך אופגעשטעלט דער געהיימראַט דאָם באַרטעלעמי פאַנקאָרבאָ. ער שפּאַרט אָן די דאַרע, ביינערדיקע הענט אפן פאַרענץ, שטרעקט ארויס פון דעם ריזיקן קאָלנער דעם אויסגעדייווערטן, בלאָ=רויטן קאָפּ. געריק הינטער געקנייטשטע וויעס וואַרפט ער אויגן נאָך דער שטייג, ווי זי שוועבט ארויף אין דער הייך, און אין איר דער מאַן אין פורפלוואָלענעם פאַראַד=ראָק און אפן פינגער פון דעם מאַן דער בריליאַנט, וואָס בלישטשעט אין טויזנט קאָלירן אין דער העלער ווינטערלופט.

נאָכדעם ווי עס איז פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן דער קאָרדאָן פון מיליטער, האָט דער המון אַרומגעקוקט די תליה פון אלע זייטן, אַ פּאָר יונגאַטשעס האָבן ארופגעקלעטערט אפן לייטער ביז צו דער האַלבער הייך, מען האָט באקוקט די מאשינעריע, אויבן אף די שטאַנגען פון שטייג זיינען געזעסן געדיכט אָנגעפּאַקט משאָטעס שווארצע פויגלען.

פּאַוואָליע איז דער המון זיך צעגאַנגען אין שטאָט צוריק, מען האָט דעם טאָג געהאַלטן פאר אַ יום=טוב, מען האָט גוט געגעסן, גוט געטרונקען, געשיכורט, געטאַנצט און זיך געבראָכן די ביינער אין די שיינקען. דער יונגער בירגער לאַנגעפּאַם האָט ארויסגעכאַפּט פון דער בלאָטע זוס' בארעט. ער איז געווען אַ פריילעכער חברה=מאַן, באַרימט פאַר אַ קאַטאָוועסניק: האָט ער זיך ארופגערוקט דעם בארעט אפן קאָפּ, ארופגערוקט אים אויך אַף די קעפּ פון מיידלעך און דינסטמיידן, וואָס האָבן מיט אימה געקוויטשעט אונטער דעם באַרעט פונם אופגעהאַנגענעם אידן. פונדעסטוועגן האָט די אמתע פריילעכקייט זיך געפעלט. מען האָט נית געוואוסט רעכט ווי, אָבער מען האָט זיך דעם טאָג געהאַט פאָרגעשטעלט אַנדערש, באַפרייטער, חדוהדיקער. מען האָט געזונגען: דער איד מוז הייגען, מען האָט געזונגען: האָט געזאָגט

דער הער פֿאָן רײדער האלט! אָדער שטארב ענטװערער! אָבער דעם אידנס „אדני" האָט ניט געװאָלט ארױס פֿון די אױערן. די קינדער האָבן זיך געשפּילט אין הײנגען; און די שפּיל איז גע־באנגען אַזױ, אז אײנער איז געשטאנען אױבן און האָט געשריען אדני, און די איבעריקע זײנען געשטאנען אונטן און האָבן גע־שריען, געדעװעט, געװאָיעט, געהילכט: אדני.

אין דער נאַכט נאָך דער אויספירונג פון פסק=דין, אַן ערך אַרום דריי אַזייגער, איז אַרופגעקומען אַ מאָגערער הויכער מענטש איבער דעם טונצנהאָפער אופשטייג צו דער אייזערנער תליה אַרוף. דער וועג איז געווען אַ מיאוסע געמישעכץ פון בלאָטע און שניי, שווער צו גיין. דער מאָגערער פאַרשוין האָט שטאַרק געציטערט פון קעלט און זיך טיף געוויקלט אין אַ ברייטן מאַנטל פון אַן אַלטמאָדישן, פאַרצייטיקן שניט. ער האָט געהאַט מיט זיך צוויי יונגען, פאַרהולטאַיעוועטע בירגער=זין, וואָס זיינען אין שטוטגאַרט געווען באַוואוסט פאַר באַהאַרצטע חברה=לייט. וואָס זיינען גרייט אַף יעטווידער אונטערנעמונג, אַבי עס זאָל איינטראָגן געלט. ביידע יונגען זיינען אומגעזאַמט אַרופגעקלעטערט אַף די לייטערס פון דער תליה. עס איז זיי אָנגעקומען שווער. די שטאַפּלען זיינען געווען גליטשיק און געפראָרן, זיי האָבן שטיל פאַר זיך געשאָלטן. אַרום זיי האָבן אַרומגעפלאַטערט פויגלען, וואָס זיינען טאָג און נאַכט געזעסן אין געדיכטע טשאַטעס אַף דער תליה. אויבן האָבן די יונגען זיך אופגעהאַלטן לענגער ווי מען האָט באַדאַרפט. דער דאַרער פאַרשוין, וואָס האָט אונטן געוואַרט, האָט נערוויז געצויגן די אַקסלען אין דער הייך. איז געטראָטן פון איין פוס אַפן אַנדערן, געבורטשעט עפעס פאַר זיך ברוגז. „האָט איר אים?“ איז ער זיי אָנגעפאָרן, אין דער שטיל. אַז זיי זיינען צולעצט געווען ווידער אונטן. „ער איז ניטאָ!“ האָבן די יונגען געשטאַמלט צעטראָגן. „איר האָט אים געגנבעט. איר האָט דעם שטיין געגנבעט!“ האָט געבילט הייזעריק, מיט מי איינגעהאַלטן, דער פאַרטוגעז. „איך לאָז אייך מאַכן אַ פּראָצעס, איך לאָז אייך רעדערן!“ אָבער די יונגען, דערשראָקענע, האָבן פאַרזיכערט: „דער גאַנצער איד איז ניטאָ. עס הייגט אַן אַנדערער אין שטייג. דער טייוול האָט אים צוגענומען“. דאָס באַרטעלעמי האָט לאַנג ניט געגלויבט. און סוף כל סוף האָט ער נאָך אין דער זעלביקער נאַכט געלאָזט דורכזוכן די שטייג, אָפּיציעל, דורך לייב=הוסאַרן. יאָ, דער מת איז געווען געגנבעט, אומגעבימן.

גאָר אין דער פרי איז דער צעכעסטער, אָפּגעדאַצעטער מענטש שוין געווען באַם הערצאָג=אַדמיניסטראַטאָר. דאָס איז גע=

קומען פון זיין דורכלויטס גוטסקייט. איצט האָבן די אידן דעם בריליאַנט געגנבעט. דעם בריליאַנט? קאַרל רודאָלף האָט זיך דערמאָנט אָן דעם באַרג מיט גאָלד, האָט דאָס ניט געגלויבט. דעם מת, יאָ, אים האָבן זיי טאַקע געקאָנט האָבן אַרויסגעגנבעט. ער האָט זיך באַטראַכט, איז געוואָרן אופגעלייגטער, האָט כמעט געשמייכלט. בעצם זיינען זיי געווען בריות די דאָזיקע אידן. האָבן פשוט דעם מת אַראָפּגעגנבעט פון דער תליה; קריסטן און סאָלדאַטן וואָלטן דאָס בעסער ניט געקאָנט טון. ער האָט זיי גערן פאַרגונען דעם בריליאַנט, האָט ניט געהייסן זיי נאָכ־יאָגן, בלאָרויט, שטיקנדיק זיך פון כעס, ארויסבילנדיק מיט זיין פאַרמוכלטער שטים מוראדיקע קללות, איז דער פאָרטוגעז אַוועק אין זיין אַלטפּריינקישער הויפּישער הלבשה.

אין דער זעלביקער צייט איז דער בר־מינן אף דער גיך איינגעוויקלט אין שמאַטעס, געפירט געוואָרן באַהאַלטן אונטער הויפנס סחורה און זאַכן אין אַ פור קיין פירט. אידן לאַנד־קרעמער האָבן אים באַגלייט, זיך געביטן פון איין שטאָט צו דער אַנדערער. דער בריליאַנט האָט געשטעקט אפן פינגער פון מת, קיינער פון די מלוים האָט ניט מורא געהאַט, אַז עמיצער פון די וואָס וועלן קומען נאָך אים וועל אים אַוועקגנבענען.

אין פירט האָט מען דעם בר־מינן מטהר געווען, איינגע־הילט אין די ווייסע, לאַנגע תכריכים, אריינגעלייגט אין אָרון. די מיטלסטע דריי פינגער אופגעשטעלט צום אות שין, דעם ערשטן אות פון הייליקן געטלעכן נאָמען שדי; אַ קליין הייפל ערד צוקאָפּנס, שוואַרצע, קרישלדיקע ערד, ציונס ערד. דער שטאָט־פּאָליציי האָט מען געמאָלדן, אַז מען ברענגט צו קבורה אַן אומבאַקאַנטן אידן פון פראַנקפורט, וואָס איז געשטאָרבן אין מיטן וועג, און די מיטגלידער פון דער קהלה האָט מען גאָרנישט געזאָגט. אָבער די בשורה איז געלאָפן פון מויל צו מויל.

אזוי איז דער אומבאַקאַנטער געלעגן, דער שוואַרץ־בלאָ

דערוואַרגענער פּנים אויסטערליש אַרומגענומען פון דער שמוציק ווייסער באָרד. די אויגן האָבן זיך ניט געלאָזט רעכט צודריקן, זיינען זיי טריב ברוינלעך אַרויסגעקוואָלן. נאָר צווישן זיי איבער דער נאָז זיינען געווען טיף אַריינגעשניטן די דריי קאַרבן פון שין. פון דעם ווייסן, פּשוטן ליילעך אַרום האָט געלויכטן ריזיק און פּאַרטומלענדיק דער בריליאַנט. די צען חשובסטע בעלי־בתּים פון דער קהלה זיינען געזעסן צווישן הויכע ליכט און פאַרהאַנגענע פענסטער און האָבן געהאַלטן שמירה.

צווישן זיי איז אַריין אַ פרעמדער. דיקלעך, אַ מאָסיגער פּנים אָן אַ באָרד, גראָע, טריבע שטיין־אויגן, אַלטפּריינקישער הילוך. וואָסער האָט ער געגאָסן הינטער זיך, אַז ער איז אַריין אין חדר, וואו דער טויטער איז געלעגן, וואָסער צו קאָפּנס, וואָסער צו פוסנס דעם בר־מינן. די אידן האָבן דערקענט דעם מקובל, האָבן זיך געשושקעט, געמאַכט אַ וואָרע.

צום מת איז צוגעטראָטן רבי גבריאל, אַרויסגעשקריפּעט מיט זיין שלעכט קלינגענדיקער שטים: „ברוך אתּה ה׳ דיין אמת“. מיט די דיקלעכע פינגער, פּאַרזיכטיק האָט ער אָנגערירט דעם טויטנס וויעס. האָבן זיך די וויעס צוגעמאַכט. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ צווישן די קני. די צען אידן האָבן זיך געהאַט אָפּגערוקט ביז צו דער וואַנט. זייער אַליין, הגם זיי זיינען אויך געווען דערביי, איז רבי גבריאל געזעסן אַן איינגעהויקערטער נעבן מת, אַ קליין, פאַר־לאָרן בינטל.

אַלע אידן פון פּירט זיינען געווען אויפן בית־הקבֿרות, בעת דער אומבאַקאַנטער איז געוואָרן געבראַכט צו קבֿר ישׂראל. זיי האָבן אַראָפּגעלאָזן דעם אָרון אין קבֿר. דער בריליאַנט איז געווען אויפן פינגער פון טויטן, אונטער זיין צוקאָפּנס דאָס קליינע הייפל ערד פון ארץ־ישׂראל־ערד. אַלע אין כאָר האָבן זיי נאָכגעזאָגט דעם חזן: „הבֿל הבֿלים און יאָגן זיך נאָך ווינט איז די וועלט; נאָר איינציק און אייביק איז גאָט פון ישׂראל. היה הווה ויהיה“.

דערנאָך האָבן זיי אויסגעריסן גראָז און געוואָרפן עס הינטער־
זיך. און זיי האָבן געזאָגט: „ווי גראָז וועלקן מיר פון דער שיין".
און זיי האָבן געזאָגט: „מיר געדיינקען, אַז מיר זיינען שטויב".
דערנאָך האָבן זיי געוואַשן די הענט אין פליסנדיקן וואַסער־
וואָס פאַרטרייבט מזיקים. און האָבן פאַרלאָזן דעם בית־עולם.

Free Public Library, Newark, N. J.